# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Kheshbn No. 8 - October 1956 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/85q9412w

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 8(1)

### Publication Date
1956

### Copyright Information
Copyright 1956 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

## אַכטער 8 נומער

רעדאַקטאָר: י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון דעם

לאָס אנגעלעסער ״יידישן קולטור קלוב״

און

שרייבער קרייז „בוך און לעבן״

תשרי, תשי״ז — אָקטאָבער, 1956

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# נייסטע יידישע ביכער און זשורנאַלן

## דערשינענע אין לאָס אַנגעלעס אין 1956

זלמן זילבערצווייג, „אחד העם און זיין באַציאונג צו יידיש" — 116 ז"ז.

שלמה נעלטנער, „מיינע יונגע גרינע יאָרן" (אויטאָביאָגראַפיש), רע־דאַקטירט און צוגעגרייט צום דרוק פון משה גלאזער אין לאָס אַנגעלעס. דער מחבר איז אַ תושב אין ארמאדא, מישיגען. 170 ז"ז.

„חשבון", פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור פּראָבלעמען. זיבעטער נומער, אפּריל 1956, אַרויסגעגעבן פון ל. א. יידישן קול־טור קלוב און שרייבער קרייז „בוך און לעבן". רעד. י. פרידלאַנד.

יחזקאל בראַנשטיין: „אונטער איין דאַך". קריטישע עסייען איבער דיכ־טונג און פּראָזע ביכער. צייכענונגען פון ב. מלחי, בער הארוויץ און בען. 270 ז"ז.

### אין דרוק און וועט בקרוב דערשיינען:

ש. מיללער: אַ ניי בוך דערציילונגען פון דעם באַוואוסטן נאָוועליסט ש. מיללער, איז איצט אין דרוק און וועט גאָר בקרוב דערשיינען. אַרויסגעגעבן פון דעם ש. מיללער בוך קאָמיטעט.

אסתר שומיאַטשער־הירשביין: אַ בוך געקליבענע לידער, אַרויסגעגעבן פון אַ בוך קאָמיטעט.

נח גאָלדבערג: אַ ניי בוך דערציילונגען א"נ „אויף צעוואָרפענע וועגן". איז אַריין אין דרוק. ס'איז פאַרמירט געוואָרן אַ גאָלדבערג בוך קאָמיטעט מיט וו. נאַטאַנסאָן, ערן פאָרזיצער; י. פרידלאַנד, פאָרזיצער; א. באַביטש, וויצע־פאָרזי־צער; ס. ברייניק, קאַסירער; ז. בונין, סעקרעטאַר. מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צום סעקרעטאַר: 4103 האָלי־קנאָל, לאָס אַנגעלעס 27, קאַליפ.

---

## וואָס טוט איר פאַרן „חשבון"?

ס'איז דער חוב פון יעדן יידיש־יידן, וואָס וויל באמת, אַז דאָס בעסער יידיש וואָרט זאָל געלייענט ווערן, דאַרף ווערן אַן אַבאָנענט אויפן זשורנאַל „חשבון".

וואָס טוט איר, אַז מיר זאָלן דאָ, אין לאָס אַנגעלעס, אין דעם גרויסן מדבר פון שפּראַך אַסימילאַציע, כאָטש האָבן איין אנשטענדיקן יידיש־פּעריאָדישן לי־טעראַרישן זשורנאַל ווי — „חשבון"?

---


## "CHESHBON"

(REVIEW OF LITERARY AND CULTURAL ACTIVITIES)

רעדאַקציע־ראַט: וויליאַם נאַטאַנסאָן מלכה טוזמאַן און נח גאָלדבערג

מיט רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צו:

I. FRIEDLAND

4375 SUNSET DRIVE LOS ANGELES 27, CALIFORNIA

# אינהאַלט:


י. פ. — „אונדזער גרויסע אבידה — ה. רויזענבלאט" .......... 3

מלכה ח. טוזמאן — „לכבוד ה. רויזענבלאט עליו השלום" .......... 5

ה. לייוויק — „דער שר פון מיין ליד" (ליד) .......... 8

ש. מיללער — „דאָס שיינדל פון שטעטל" .......... 9

ל. פיינבערג — „אַ טויטע פּאַלמע" (ליד) .......... 14

וו. נאטאנסאָן — „ה. רויזענבלאטס דיכטונג" .......... 16

אסתר שומיאטשער־הירשביין — „ה. רויזענבלאט" (ליד) .......... 23

דר. ח. מ. ראָטבלאט — „ביאַליק שבעל פה" .......... 24

אַלטער עסעלין — „מאַמטנטאָ מאָרי" (ליד) .......... 23

ברכה קודלי — „באַלאַדע פון די רייטער" (ליד) .......... 29

י. פרידלאַנד — „די ברכה פון וואַסער" (פון דער סעריע: קאַליפ. עפּיזאָדן) 31

מאַטעס דייטש — „ארץ־רויזענבלאט" (ליד) .......... 37

נח גאָלדבערג — „געפונען אַ טרייסט" (דערציילונג) .......... 40

פּינטשע בערמאן — „ווער ווייס . . ." (ליד) .......... 47

ז. בונין — „ווי אַזוי ניט צו שרייבן אַ ליד" (ליד) .......... 48

יעקב זינגער — „אליהו הנביא" (איין־אַקטער) .......... 50

יצחקי — „ה. רויזענבלאַט, ביאָ־ביבליאָגראַפישע שטריכן" .......... 58

בצלאל מלחי — „וואוהין" (סקולפּטור־האַלץ שניט) .......... 62

א. באַביטש — „ה. רויזענבלאט, דער מכניס אורח" .......... 63

יצחק ניומאַן — „מחשבות און רעיונות וועגן נשמה" .......... 64

א. כראַבלאָווסקי — „אויף נייע וועגן פון אונזער קולטור טעטיקייט" .......... 67

בען צוקערמאַן — „חיים גרינבערג ע"ה" (אַ קאַפּיטל זכרונות) .......... 71

„צום 30־יאָריקן יובל פון ל. אַ. יידישן קולטור קלוב" .......... 74

בילד פון אַדמיניסטראַציע פון קולטור קלוב .......... 79

ב. אזאַלין — „אונדזער גייסטיק קולטורעלער פאַרמעג — די ביבליאָטעק" ... 80

„רשימה פון קולטורעלע און ליטעראַרישע שבת צונאַכטן" .......... 82

„ליטעראַטור און קולטור כראָניק" .......... 88

באַגריסונגען .......... 97



## אונדזער גרויסע אבידה — ה. רויזענבלאַט

שווער, זייער שווער איז אונדז שלום צו מאַכן מיטן טרויעריקן פאַקט, אַז ה. רויזענבלאַט איז מער נישטאָ צווישן אונדז און מיט אונדז.

די יידיש-יידישע לאַם אנגעלעם קלאָגט אויף דער גרויסער אבידה אונדזערער. מיר זיינען דאָ גייסטיק אָרעמער געוואָרן און עלנט פאַר-יתומט געבליבן, זינט זיין פטירה.

פאַר דעם יידיש-יידישן סעקטאר איז ער געווען דער פאָטער, דער וועג-ווייזער און, כ׳וואָלט געזאָגט, דער גייסטיקער געוויסן פאַר אונ-דזערע קולטור טוּאונגען. צו זיין וואָרט האָבן מיר זיך תמיד צוגעהערט, מיט זיינע עצות-טובות און מיינונגען האָבן מיר זיך אַלע דאָ שטאַרק גערעכנט.

ה. רויזענבלאַט האָט נישט אָנגעהערט צו קיין באַשטימטער ריכ-טונג אין יידישען לעבן, מחמת דעם איז ער געווען אַלעמענס.

ס׳איז נישט געווען קיין איין גרויסע פייערלעכע קולטור אסיפה אין שטאָט, וואו רויזענבלאַט זאָל ניט געווען זיין דער ראש המדברים, און באַשיינען די פאַרזאַמלונגען מיט זיין חשובער פערזענלעכקייט. ביי דעם רוב פון די יידישע קולטור אָרגאַניזאציעס איז ער אָפט אויפגע-טראָטן מיט זיין פיין געשליפן וואָרט און קלאָר לירישן ליד.

אומעטום, וואו ער איז געקומען, האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך אַ סך פרייד, יום-טובדיקייט און געזאַנג.

זיינע צוהערער און פאַרערער האָבן אים תמיד אויפגענומען מיט גרויס יראת-הכבוד און ליבע, וואָס ער האָט באמת כשר פאַרדינט.

דריי און אַ האַלב צענדליק יאָר האָט רויזענבלאַט דאָ געלעבט צווישן אונדז. ער האָט אַ סך באַווירקט אונדזער קולטור סביבה מיט זיין פּערזענלעכקייט און שעפעריש וואָרט.

פון די צען בענד אָפּגעדרוקטע לידער, וואָס זיינען אַרויס פון זיין שפּע'דיקער פעדער, זיינען זיבן פון זיי דערשינען אין לאָס אַנגעלעס און אַרויסגעגעבן געוואָרן פון זיינע נאָענטע פריינד און פאַרערער. יעדער ניי דערשינען בוך זיינס, איז אויפגענומען געוואָרן פון לאָס אַנ-געלעסער יידישן עולם, זייער בכבודיק און מיט אַ סך פרייד.

גליקלעך און האָפערדיק זיינען מיר אַלע געווען, וואָס מיר האָבן געהאַט די זכיה, אַז צווישן אונדז אין אונדזער סביבה האָט געלעבט ניט נאָר איינער פון אונדזערע קרעפטיקסטע און שעפערישסטע דיכטער, נייערט, חוץ דיכטער, אַ ביז גאָר פיינע חשובע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט מיט זיין זויבער יידיש וואָרט און פיינעם צאַרטן הומאָר, אַרויס-גערופן ביי זיינע צוהערער אַן אַ שיעור פרייד און התפעלות. מיט זיין חשובער אָנוועזנקייט האָט ער באַשטראַלט, באַיום-טובט אונזערע מסי-בות און דערמוטיקט אונדזערע טואונגען.

רויזענבלאַט געהאַט האָט אַן אַ שיעור פריינט איבער דער יידי-שער אמעריקע, קאַנאַדע און מעקסיקאַ, און פאַר דער יידישער ליטע-ראַטור איז רויזענבלאַטס נאָמען, אין לאָס אַנגעלעס, געווען דער אַדרעס.

מיט דער גאַנצער צעשפּרייטקייט אונדזערער, אין דעם ניי אויפ-געקומענעם גרויסן יידישן ישוב ביים פּאַסיפיק — דער צווייטער גרעס-טער יידישער קיבוץ, נאָר ניו יאָרק, זיינען מיר אָבער דאָ, אין אַקטיווע יידיש-שעפערישע כוחות, זייער און זייער באַשרענקט. קומט צו אונדז אַמאָל אַריבער אַ יידישער שרייבער, דיכטער און געלערנטער צו גאַסט, זיינען מיר אַוודאי זייער צופרידן, אָבער באמת גליקלעך זיינען מיר גע-ווען, וואָס דער גורל האָט אונדז צוגעטיילט דעם כבוד, אַז רויזענבלאַט זאָל ווערן אונדזערער אַ בן-עיר און אַ לאַנג-יאָריקער תשוב. פאַר אונדז איז עס באמת געווען אַ גרויס געפינס. פון די יידישע שרייבער און דיכטער אין לאָס אַנגעלעס איז ער געווען דער ראש הספרים.

ער איז געווען אַ גרויס-שעפערישער דיכטער, אַ זעלטענער מיט-שמועסער, אַ געשמאַקער דערציילער. רויזענבלאַט דער שבעל-פּה איז באמת געווען ביי אונדז אַ יחיד במינו.

זעלטן צו געפינען, אַז אין איין מענטשן זאָל זיך סינטעזירן אַזוי פיל מידות-טובות, אייגנשאַפטן און טאַלאַנטן.

גרויס, זייער גרויס איז אונדזער אבידה. די לאָס אַנגעלעסער יידישע געזעלשאַפטלעכקייט וועט זייער שטאַרק פילן דעם גרויסן פאַר-לוסט פון אונדזער גרויסן יידיש שעפערישן דיכטער און געטרייער קול-טור עסקן — ה. רויזענבלאַט.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק.

י. פ.

מלכה ח. טוזמאַן

# לכבוד ה. רויזענבלאַט עליו השלום

„פאַרנאַכט. עס ציט זיך אַ שטרענגע פויערים מיט בלאַנקע העק פון וואַלד.
מיין הויז שטייט גראָד ביים סאַמע טויער צווישן דאָרף און שטאָט.
איך קוק מיט שרעק און ישוב זיך מיט זיך, און עצה זיך מיט גאָט.
באַהאַלטן זיך אין בלינדן קעלער, אָדער נעמען שרייען גוואַלד?"

— — — — — — — — — — — — — — — —

„נאָר מאָדנע, ווי דאָס אויג מיינס פאַדעט דאָס אַרום די העק!
באַמערקט מיט אַלע פּינקטלעכקייטן ווי די סומנע זון פאַרגייט:
איין האַק איז בלוי, אַ צווייטע — ראָז, אַ דריטע — שאַרלעך־רויט
און פון דער פערטער בליצט ארויס אַזאַ מין פּראַסטיק־גרינע שרעק..."

פונוואַנען ציט זיך רויזענבלאַטס ליד?
וואו האָט עס זיך אויפגעבונדן?
אין וועלכן טוי האָט זיך עס געלויטערט?

איר מקור איז: דאָרפישער אומעט און רחבות פון סטעפ און פון וואַלד.
איר ציטער: אַ ייד צווישן גוים און שרעק וואָס שפּאַרט זיך דורך לאָדן פאַרמאַכטע.

גאָר פרי האָט רויזענבלאַטס בלאָנדע צאַרטקייט זיך געזונצלט.
דאָס בלויקייט אין אויגן געטונקט זיך אין מורא פאַר אַ גוי, פאַר האַק און געוויש פון פאַגראָמען.
מיט שטומקייט פאַרקלעמטער האָט ער נאָכגעפאָלגט דעם טרויער פון טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן דורך נעכט אין געהיים זיך געגרייט צו דער ווייטער נסיעה. נאָכדעם איז מען זיך אויף העלדזער געפאַלן, געכליפּעט פאַרשטיקט, מיט שטומקייט די אויגן געפירט איבער ווייטקייט פון פעלדער און ראַפּטאָם געטאָן זיך צום וואָגן אַ ריס.
דער וואָגן מיט שטרוי און מיט הויכן געפּעק האָט אַ וויג זיך געטאָן צום שליאַך וואָס פירט צו אַנטרינן.

ניט פרימאָרגן טוי און ניט רעגן־שפריי,
דאָס האָט חיימל געוויינט אין דעמער־שעה:
איך וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן כאָטש דו ביסט מיר אַ שטיפמאַמע געווען,
מיין גרויסע, רייפע אוקראַינער ערד.

דאָ אין אַמעריקע האָט חיימל ניט אויסגעביטן דעם ריח פון ערד אויף דער שטיקעניש פון שאַפּ. חיימל האָט עס ערגעץ פאַרשטעקט, פאַרזעמוירט און אָפּגעהיט. שפּעטער איז פון דעם געוואָרן חיות פאַר זיין ליד. פון דעם האָט ער אַ בריק איבער ימען געפלאָכטן; אַ בריק איבער וועלכער די עפּיק פון „ליים" און פון „הרודעס", די עפּיק פון יידישן דאָרף האָט אַריבערגעשפּאַנט.

דאָס איז געווען אַ פּראָצעסיע פון האָרעפּאַשנע טאַטעס, צנועותדיקע מאַמעס, פּעטערס, מומעס, זיידעס און באָבעס ליכטיקע. איבער זיין בריק האָט זיך דאָר־פישע תמימות און גוטסקייט געצויגן; אַ ריח פון ערד אין גרויס־שטאָט געבראַכט.

דעם טאַטנס גרויסע אַרבעטזאַמע הענט האָט רויזענבלאַט אויך דאָ אין אַמעריקע ניט אָפּגעטאָן פון די מילשטיינער.

דער מאַמעס בענקשאַפט, דער באָבעס „פרום פאַרשייטן טאָנץ״ האָט ער אין אַ באַרוטן „גאָט פון אברהם״ געלאָזט ציטערן אויף שייבעלעך פון ניו יאָרקער טענעמענט הייזער. ער ווערט דאָ נתגלה. מיט פרומען ציטער אַנטדעקט ער אין זיך דאָס ליד און כאָוועט עס געטריי.

ווי טרויעריק גערעכט ס׳בייזערט זיך דער טאַטע:
פון לידער קען מען זיך קיין גאַנצע שיך ניט מאַכן.
מע קען מיט דעם קיין דאַך איבערן קאָפּ ניט ציען.
און ווי דעם זיפץ צוקאָפּנס אים דער מאַמעס:
מע קען דערפון קיין לאַבן ברויט ניט באַקן.
קיין מילך מיט האָניק וועט פון דעם ניט רינען. —
און דאָס לעבן דאָ אין לאַנד איז שווער און גראָב
און ער דער זון אירער אַזאַ צאַרטער איז און שטילער.

שטילקייט איז ניט שוואַכקייט. שטילקייט לאַנגזאַמט, אָבער קומט אָן זיכער. אויף שטילע וועגן איז רויזענבלאַטס ליד געגאַנגען, דערפאַר איז זי גע־זונט און גאַנץ געקומען. נאָר שטילקייט שטרעבט אויך דערהערט צו ווערן.

דער גורל פונם עכטן ליד איז שמאָלע, אומעטיקע וועגן און דעם אומעט קען קיין דיכטער ניט פאַרמיידן. דאָך טענות האָבן האָט ער ניט צו וועמען.

צי האָט דאָס יידיש וואָרט אַ גאָרטן און פון אים דעם פייגן־בוים פאַרמיטן?

צי האָט דאָס יידיש וואָרט אַ טיש און פון אים אַן אָרט פאַרמיטן? רוי־זענבלאַט ווייסט דעם ענטפער און גייט זיך שטיל, ראַנדיק און אַלייניק.

יאָרן זיינע ניט געלאָפן. ס׳האָט זיי דער דיכטער ווי שווערע פּעק אויף די פּלייצעס געטראָגן. עלנט און נויט האָבן ווי שטריק זיך געוויקלט אַרום אים. זיין אויג האָט געאומערט אין ענגשאַפט פון קויטיקע גאַסן. זיין האַרץ האָט געיאָמערט אין אַנבליק פון בלאַסקייט און שווינדזיכט ביי קינדער און טאַטעס וואָס פאַלן אין קאַמף מיטן שד. און אַלץ האָט אין ערלעכער ליד זיך פאַרוואַנדלט.

אַמעריקע איז ניט בלויז ניו יאָרק. אמעריקע איז טעקסעס, מיסיסיפּי, קענטאַקי, אַלאַבאַמאַ און די קאַראָליינעס. אמעריקע איז פון אטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק, אין דער רונדער ברייט. מיט אַלע חושים נעמט דער דיכטער אַרום די ליכטער אירע און די שאָטנס.

ער זעט אירע ברייטע פעלדער און געדיכטע וועלדער און זעט אויך דעם אָפּגעריסענעם, הונגעריקן האָבאָ.

ער גאַפט ביים דזשיג פון פלינקע קופּער־פיס און שוידערט ביי דער לינטש־פעטליע אַרום ברוינעם האַלדז.

ער זעט די ברייטע האַמסטעד שלומערן אין רחבות, און פילט דעם צער פון „גרענדפאַ טימאָטהי מעקגי״, וועלכער ווערט זיך קעגן שטאָט וואָס שאָטנט שטאָליק איבער זיינע אויסגעגלעטע פעלדער.

אַלץ גייט דורך דורך אים אמתדיק און זיין אויג גייט איבער מיט צער און ליבע צו מענטש.

דער וואָס האָט אַ ליכטיק אויג, זעט.

רויזענבלאַט זעט דאָס בייז. ער פילט די שנאה פון מענטש צו מענטש. און שנאה איז בלינד און דער תהום אַזוי נאָענט ביי די טריט; איז כאָטש נעם גיי נאָך דער בלינדער וועלט און היט אָפּ מיט דיין אייגענעם אָטעם דאָס פיצעלע ליכט זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן . . .

נאָר קיין שטראָפער איז ער ניט. קיין לערער איז ער ניט. ער איז בלויז אַ גאָט־געבענטשטער זינגער און באַזינגט וואָס ער זעט, וואָס ער באַנעמט און דאַנקט גאָט דערפאַר. און ווער עס וויל, און ווער עס קען, זאָל זיך עפּעס אָפּ־לערנען דערפון.

אָ, אַלץ אַלץ וויל אין דער אייביקייט אַריין. אַלץ וויל זיך אָנקניפּן אָן לעבן און דער דיכטער איז דער וואָס פאַרקניפּט. רייסן זיך טעמעס פון אומעטום. זיי שטראָמען צו אים און בעטן כאָטש צוזאָג אויף געדויער. און דאָס וואָס נישטאָ מער, וויל אויך ניט פאַרווישט ווערן אינגאַנצן. נישטאָ מער דער יידי־שער דאָרף; נישטאָ מער די טייערע יידן, נאָר דאָס „היימיש ברויט״ לאָזט ניט אָפּ, רייסט די פאַלעס:

דו האָסט געזען די ערד זיך אומוואַנדלען אין פייכטע, ברוינע הרודעס.
דו האָסט געזען די ערשטע גרינע צאַרטקייט פון אויפגעשפּראָצטן ווייץ.
האָסט געהערט דעם ציס־און־שוש פון רייפע זאַנגען.
צווישן שטיינער פון דיין טאַטנס מיל האָסטו געהערט די קערנער פּלאַצן.
מיט אויגעלעך פאַרזשמורעטע האָסטו אַריינגעצויגן די פאַרע פון אַ פריש אויפגעבראָכן ברויטל.

פאַרשרייב, חיימל. פאַרשרייב די הנאה וואָס איך האָב אונטערגעטראָגן די געזונטע דאָרפישע ציין.

דאָ צעשמייכלט זיך ה. רויזענבלאַט: אָך דו בעל־הגוף אײנער. דו שוואַר־צער, גוטער ברויט. —

דאָרט וואו חושים שאַרפן זיך האָט די עלטער ניט קיין שליטה.

רויזענבלאַט איז ניט אַלט געוואָרן. זיין בלאָנדקייט איז אין ווייסקייט בלויז אַריבער און ער האָט צו דעם געשמייכלט אומעטיק און קלוג.

„ער האָט זיין ליד פאַרענדיקט
און אָפּגעזיפצט זיך שווער,
צום סוף פון לעצטער שורה
אוועקגעשטעלט אַ — טרער״.

ה. לייוויק

# דער שר פון מיין ליד

איבער מיר טיף אין נאַכט — דער שר פון מיין ליד,
און זעלטן אַמאָל, די מוזע, די געטין;
די קנייטשן אין מיר — פון אַן אַלטן ייד —
זיי וואַרטן אַז עמיצער זאָל זיי פאַרגלעטן.

די מוזע אַנטלויפט אויפן שפּיץ פון אַ באַרג
דער שר לאָזט זיך וואָגלען אין טאָל אין דער נידער,
און אַלע מיינע ווערטער ווערן צמצומדיק־קאַרג
ביים זוכן דאָס ליד פון די לידער.

איך רייס פון דער נאַכט קוים אַרויס אַ וואָרט,
ווי מען רייסט אַ נאָגל אַרויס מיט צוואַנגען,
און איידער עס ווערט מיר אַ צווייט וואָרט געפּאָרט
איז שוין דער באַגינען לאַנג־לאַנג אויפגעגאַנגען.

אַ מזל אַזאַ האָט דאָס צווייטע וואָרט
צו ווערן אַ טייל גלייך פון העלן באַגינען,
איך הייב אָן צו וואָגלען פון אָרט צו אָרט
און קאָן שוין דאָס וואָרט צו אַ פּאָר נישט געפינען.

דער שר פון מיין ליד איז אַ שטרענגער שר,
אַזוי ווי מיין טאַטע און אפשר נאָך שטרענגער;
איך וואָגל — אַ קלוגער, איך וואָגל — אַ נאַר,
ביז סאַמע סוף טאָג ווען מיין שאָטן ווערט לענגער.

מיין שאָטן ווערט לענגער און לענגער, און אָט
פאַרדעקט ער דעם טאָל, אויך דעם באַרג־שפּיץ פאַרדעקט ער,
דער שר פון מיין ליד, ווי אַ נוקם — אַ גאָט,
בכיוון בלייבט הויערן נישט קיין אַנטפּלעקטער.

ש. מיללער

# דאָס שיינדל פון שטעטל

ווען ה. רויזענבלאַטס לידער, וועגן זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, האָבן שוין געשריבן, און וועלן נאָך שרייבן, די קריטיקער, די חברים פּאָעטן. איך וויל נאָר פאַרצייכענען אַ פּאָר שטריכן פון רויזענבלאַטס פּנים.

דער קאָפּ — זילבער, דאָס פּנים — בראָנז. האָט איינער אַ ווייז געטאָן אויפן פּנים און קאָפּ און אין שפּאַס אַ פרעג געטון: רויזענבלאַט! פון וואַנען קומט צו אייך אַזאַ עשירות, גאָלד און זילבער? האָט אין די בעז-קאָליר אויגן אַ שפּיל געטון אַ שקאָצישער שמייכל: — לעקיש איינער! וואָס הייסט פון וואַנען? קאַ-לי-פאָר-ניע! איר זעט אָן אַ דעם „מאונט באַלדי"? (פליכעוואַטער באַרג. אמתער נאָמען פון באַרג — סאַן אנטאניא) אויפן קאָפּ אַ שניי יאַרמעלקע, צופוסנס אַראַנדזשעס.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין לאָס אַנגעלעס איז ער אַלט געווען דריי און פערציק יאָר. איך צווייפל אָבער צי עמיצער פון די היגע תושבים האָט פאַר זיך אַ בילד פון רויזענבלאַטן ווי אַ בלאָנדן יונגן מאַן. מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק איז ער צוגעפאָרן קיין ניו יאָרק, געגאַנגען זען זיין טאַטן, אַ ייד אַ זקן, וואָס האָט געלעבט אין אַ מושב זקנים. דער פאָטער האָט אַ קוק געטון אויפן זונס גרויען קאָפּ און מיט באַדויער אַ זאָג געטאָן: אַי, חיים, ביסט אַלט געוואָרן. ער האָט שוין דעמלט געהאַט לאַנג אָנגעשריבן זיין ליד „איך בין בלויז אַ ביסל גרוי".

גרוי איז אַריבער אין ווייס. אין די לעצטע עטלעכע יאָר זיינען די ווייסע האָר ערטערווייז שוין געוואָרן געלבלעך. צווישן זיך האָבן זיינע נאָענטע גערעדט וועגן דעם „אַלטיטשקען", ער איז אָבער געווען יונגער פון אַנדערע יונגע. דאָס פּנים געקאַרבט, אָבער דער קאָליר האָט זיך ניט געביטן. אָן אָפּן פּנים, אפילו ניט איבערגעהאַקט פון קיינע ברעמען, אויף בּרעמען איז געווען קוים אָן אָנצווזעעניש, דאָס קורצע נעזל איז קיינמאָל ניט באַזאָטלט געוואָרן מיט ברילן, די בלויע אויגן האָבן פריי, גאַנץ אָפט, שטיפעריש געקוקט אויף גאָטס וועלט. אויך דאָס קול זיינס יונג, קרעפטיק און וואַרעם ביזן סאַמע סוף.

עס דערמאָנט זיך: ניינצן דריי און פופציק. מ'האָט געפּראַוועט זיין פינף און זיבעציק יאָריקן יובל. דאָס האַרץ איז שוין געווען אָנגעגריפן. צווישן דעם טויזנט-קעפּיקן עולם אין טעאַטער איז אויך געזעסן זיין דאָקטאָר אַן אומרואיקער: וועט עס זיין פּאַציענט אָפּגיין גלאַטיק? רויזענבלאַט גייט צו צום סטענדער, רעדן, לייענען זיינע לידער. עמיצער פּרוּווט צופּאַסן דעם מיקראָפאָן צו רויזענבלאַטס נידעריקן וווקס. רויזענבלאַט טוט אַ שאַר מיט דער האַנט — ער האַלט ניט פון „מאַיקן". ער רעדט, לייענט, און זיין שטים טראָגט זיך אַזוי אַז יעדער איינער קען הערן. און זיינע אייגענע לידער האָט ער געלייענט בעסער ווי וועלכער עס איז דעקלאַמאַטאָר אָדער רעציטאַטאָר.

ער האָט ליב געהאַט לייענען זיינע לידער. איז דאָ אַ פּאָעט וואָס האָט עס ניט ליב? אָבער ניט פון יעדנס לייענען האָט מען הנאה. ווען רויזענבלאַט האָט געלייענט זיין „היימיש ברויט" האָט דאָס ברויט געהאַט גאָר אַן אַנדער טעם. ייִנגל-

ווייז איז ער געווען אַ משורר ביי אַ חזן אין בראָונזוויל, אויף דער עלטער שוין, אין אַ קליינער מסיבה, האָט ער ניט איין מאָל געזונגען זיינס אַ ליד, און געזונגען האַרציק, באַטעמט.

עס דערמאָנט זיך: ביי רויזענבלאַטן אין שטוב. אַ צוויי מנינים מענטשן, צווישן זיי דער מוזיקער פ. לעמקאָף. ער האָט געהאַט אָנגעשריבן נאָטן צו רויזענבלאַטס דריי לידער. פ. לעמקאָף האָט אויך געזונגען, געהאַט אַ שטאַרקן טענאָר. האָט ער געזונגען צוויי לידער רויזענבלאַטס, געקומען צום דריטן, האָט ער אַ זאָג געטון: דאָס ליד — „דער קו־קו זייגער", זאָל ער — רויזענבלאַט — זינגען. ביי אים קומט עס אַרויס בעסער ווי ביי מיר, איכ'ל אַקאָמפּאַנירן. און רויזענבלאַט האָט געזונגען, שטילער פון לעמקאָפן, דערפאַר טאַקע געשמאַקער, האַרציקער.

האָט מען אים געהערט זינגען, לייענען, אָדער גאָר דערציילן אַ מעשה „מיט אַלע פּיטשעווקעס", האָט מען געקענט באַגרייפן פאַר וואָס רויזענבלאַט איז אַזוי באַליבט געווען ביי מענטשן.

איינער קען זיין אַ גוטער דיכטער, שרייבן שיינע לידער, דער לייענער קען הנאה האָבן פון די לידער, נאָר טרעפט זיך אָט דער לייענער פנים אל פנים מיטן דיכטער, דערפילט ער אַז צווישן אים און דעם דיכטער שטייט עפּעס אַ מחיצה, אַרום דעם דיכטער אַ מין עיגול וואָס וואָרנט: סחור סחור לספרא לא תקרב, קוק מיך אָן, נאָר ריר מיך ניט אָן. און די באַרירונג פון דיכטער און לייענער איז צעשטערט. אויב ער האָט אים אפילו ליב, דעם דיכטער, איז עס . . . פון דער ווייטן. מיט רויזענבלאַטן איז אַזאַ מחיצה ניט געווען.

איך בין דיין זון, דעם מילנערס זון,
און פּראָסט ווי דו און דיינע.
מיין לשון ברייט — פּאַדאָליער סטעפּ,
און פשוט ווי אוקראַינע.

(מיין ליכטיקע נסיעה)

אין אוקראַינע האָט ער געלעבט ניט מער ווי אַ צוועלף יאָר, אָבער די פשטות, די וואַרעמקייט פון אוקראַינע איז אים געבליבן אויף זיין גאַנצן לעבן. און זיין לשון! אַזאַ שפּרודלדיקער פאָלקישער הומאָר! פאַרברייינגען מיט אים ביי אַ טיש איז געווען אַ פאַרגניגן. אַז ער האָט דערציילט אַ מעשה, צי דאָס איז געווען פון זיינע דאָרפישע לאַנדסלייט, ווי זיי האָבן געגעסן הרעטשענע וואַרעניקעס, צי פון קאָלעגן שרייבער, ווי זיי האָבן, נעבעך, זיך געמוטשעט און געגעסן אין ל. שאַפּי־ראָס רעסטאָראַן אין ניו יאָרק, אָדער גאָר ווי מאָררים ראָזענפעלד האָט געליטן פון „שלאָפלאָזיקייט", די גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט מיט אַן אויג, נאָר האָט ניט געהערט די פייערלעשער וואָס האָבן געלאָשן אַ שרפה גלייך לעבן זיין הויז, זיינען די אַלע מענטשן געשטאַנען פאַר די אויגן און . . . „מ'האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער".

אויב עמיצער וועט, אויפן סמך פון אָט די פּאָר שטריכן, זיך שאַפן אַ בילד פון רויזענבלאַטן ווי פון אַ „פשוטן חי וקים, אַ פריילעכן לונג און לעבער", וועט דאָס בילד זיין ניט ריכטיק, איינזייטיק.

ה. רויזענבלאַט איז נ י ט געווען אַזאַ פּשוטער חי וקים. ער איז געווען אַ פּאָעט פון די שפּיץ פינגער ביזן שפּיץ קאָפּ. האָט ווער אַנגעריירט דעם פּאָעט אין אים, זיינס אַ ליד, זיינען די בעז־בלויע אויגן געוואָרן צוויי גאַז־פלאַמען און פון מויל זיינען אַרויסגעקומען רייד ווייט ניט קיין הומאָריסטישע. אין משך פון זיין לאַנגן דיכטערישן לעבן האָט ער געהאַט געגוג געלעגנהייטן צו ווערן אויפ־געברויזט, אין כעס: דער האָט געשריבן וועגן אים צום שלעכטן, דער האָט גאָר ניט געשריבן, אים פאַרשוויגן, האָט דאָס אים זייער געקריינקט. ערשט אויף דער עלטער, ווען די באַרימטע „אנערקענונג" איז געקומען בשפע, האָט ער זיך פאַר־גונען צו שרייבן:

בין מוחל דעם טראָפּן טרייסט,
וואָס קומט צום סוף . . . פאַרשפּעטיקט.

און:

איז קיינעם קיין בעל חוב ניט.
מיט גאָט — פון לאַנג שוין קוויט.
און מיט דער וועלט דעם חשבון —
פאַרמעקט . . . ער מאָנט שוין ניט.
(אין שענצטן טאָג פון האַרבסט)

אים איז אויך געווען ניט איבעריק פריילעך.
די רגעס פון פרייד, אַזוי נישטיק און קאַרג —
מ׳קען אויף די פינגער זיי ציילן.
(די ליכטיקע נסיעה)

די דאגת פרנסה אַליין האָט אים פאַראומערט שיר ניט זיין גאַנצן לעבן. אויף וויפל איך ווייס האָט רויזענבלאַט אין משך פון זיין לעבן געהאַט ניט ווינ־ציקער ווי דרייצן מלאכות, און אַלע מיט זייער ווינציק ברכות. און ווי האָט גע־קענט קומען די ברכה, אַז:

דער עושר זאַמלט געלט און גאָלד,
דער קמצן קאַרגט און שפּאָרט,
און איך געפין מיין שענצטע פרייד
גאָר אָפט אין . . . קלענצטן וואָרט.
(אין שאָטן פון מיין בוים).

וואָס ער האָט ניט געטון איז אים אין קאָפּ געליגן דאָס וואָרט.
און:

די האָבן אוצרות אָפּגעשפּאָרט,
און ער, דער נאַר, — אַ ליכטיק וואָרט!
— — — — — —
אַליין — פון ערד, אַ גוף געפעס,
דאָס וואָרט זיינס, אָבער — ליכט און נס!
(די ליכטיקע נסיעה)

אָבער אין סומכין על הנס, די פּאָעמע „ברויט״ איז טאַקע אַ פיינע פּאָעמע, אָבער עסן זי האָט מען ניט געקענט. ערשט מיט די „פּאַראייניקטע כוחות״ פון דעם בעל־דבר, דעם מענטש פון וואָרט, מיט זיין אשת חיל, דער פּראַקטישער ווייב, איז זיי געלונגען בייצוקומען דעם ביטערן ענין פרנסה.

טאָ פון וואַנען אָט די פריילעכקייט ווען צווישן מענטשן און די האַרציקע באַציאונג צו זיי? איז דאָס אפשר געווען ניט מער ווי אַן אָנשטעל, אַ טעאַטער אַזאַ?

בפירוש ניט!

איך ווייס: אחרי מות — קדושים, נאָכן טויט, הייסט עס, שרייבט מען נאָר גוטס, דאָס שלעכטס דאַרף מען ניט דערמאָנען. נו, בין איך ניט אויסן צו מאַכן רויזענבלאַטן פּאַר אַ „קדוש״, ער איז געווען אַ מענטש און, ווי יעדער מענטש, האָט ער זיך געהאַט זיינע שוואַכקייטן. למזל, איז איינע פון זיינע שוואַכקייטן געווען די שוואַכקייט צו מענטשן. ער האָט ליב געהאַט מענטשן, ניט געקענט אויסקומען אָן זיי. פון דאַנען שטאַמט עס זיין פשטות אין דער באַרירונג מיט זיי, זיין פריילעכקייט ווען צווישן מענטשן.

ער האָט געהאַט פּאַראיבל אויף אייניקע ניו יאָרקער שרייבער, אָבער ניט געווען דער פּאַל ווען מ׳האָט זיך גענומען מתעסק זיין „אַראָפּצוברייננגען״ אַ שריי־בער פון ניו יאָרק, אַז רויזענבלאַט זאָל האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט און, ווען דער שרייבער איז געקומען, האָט ער אים מקבל געווען בסבר פנים יפות, סיי עפנטלעך, סיי ביי זיך אין דערהיים. ניט נאָר דאָס, רויזענ־בלאַט איז געוואָרן דער אַדרעס צו וועמען שרייבער האָבן זיך געווענדט ער זאָל זיי אַרויסהעלפן, מעגלעך מאַכן זייער קומען אָדער העלפן פאַרשפּרייטן זייערע ביכער, און, אויף וויפיל ער האָט געקענט, האָט ער עס געטון.

ניט געווען קיין קולטורעלע אַרבעט פון די יידישע יידן אין וועלכער רויזענ־בלאַט האָט זיך ניט באַטייליקט, ניט געווען קיין קולטורעלע שמחה וואָס רויזענבלאַט האָט ניט באַשיינט מיט זיין קומען, ריידן אָדער לייענען, און ער האָט קיינמאָל ניט גענומען דערפאַר אַ פּרוטה. אפילו די לעצטע צייט, ווען ער האָט שוין ניט געטאָרט אַזוי פיל אַרומגיין, איז ער פאָרט געגאַנגען צו פשוטע זיצונגען וועגן קולטורעלער אַרבעט, אָדער צו עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און שמחות.

איך האָב אים אַ פּאָר מאָל געמוסרט: גזלן! היט אייערע אַלטע ביינער! צי איז דאָס פּאַר אייך אַן אַרבעט, אָט איצטער אַ, גיין צו זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, זיך שלעפּן ביינאַכט אַהיים? האָט ער, מיט זיין כאַראַקטעריסטישן הומאָר, גע־ענטפערט: אייך איז גוט, איר זייט אַ רשע, איר קענט זאָגן — ניין! איך בין אַ לעמעשקע, מע טשעפּעט זיך צו צו מיר, קען איך בישט אָפּזאָגן.

ער האָט טאַקע ניט געקענט אָפּזאָגן, אָבער ניט דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ „לעמעשקע״, ער האָט ניט געקענט אָפּזאָגן, ווייל ער האָט ניט געוואָלט אָפּזאָגן. ער האָט געוואָלט זיין צווישן מענטשן. אָן זיי האָט ער ממש ניט געקענט לעבן.

און די מענטשן האָבן אויך ניט געקענט אויסקומען אָן אים, ער איז געוואָרן זייער שיינדל, זיי האָבן זיך געשפּיגלט אין אים, האָבן שטאָלצירט מיט אים און אים אויך ליב געהאַט. זייער ליבע האָבן זיי אויסגעדריקט ניט נאָר אין קלאַפּן בראַוואָ פּאַר אים ווען ער האָט געלייענט זיינע לידער, זיי האָבן טאַקע געהאָלפן

אַרויסגעבן זיינע לידער אין בוך־פאָרם. פינף און דרייסיק יאָר האָט ער געלעבט דאָ אין שטאָט און אין משך פון דער צייט האָט מען דאָ אַרויסגעגעבן זיינע זיבן ביכער און נאָך איין בוך — „בעבזיק" — בשותפות מיטן צענטראַל קאָמיטעט פון די יידישע פאָלק־שולן אין ניו יאָרק. ביי די ערשטע דריי־פיר ביכער האָט מען בלויז געדעקט די הוצאות פון בוך און געזען אים פאַרשפרייטן ווי ווייט מעגלעך, ביי די לעצטע דריי ביכער האָבן די „אַרויסגעבער" — זיינע פריינט — זיך שוין באַמיט צו פאַרזאָרגן אים ער זאָל קענען רואיק זיצן און שרייבן, און זייער מי איז געלונגען.

געבליבן נאָך איין בוך לידער. דאָס בוך האָט געזאָלט אַרויסגיין צו זיין אַכציק־יאָריקן יובל. שוין געווען געפּלאַנט צו מאַכן אַ גרויסן יום־טוב לכבוד דער גבורה פון זיינע שמונים. ווער האָט זיך עס געריכט אַז דער גבור רויזנבלאַט זאָל אַזוי, מיר ניט דיר ניט, טון אַ שטאַרב אַוועק! מיר שטאַרבן יעדן טאָג פון אונדזער לעבן און דער טויט קומט פּאַרט אומגעריכט. ער האָט זיך זיכער ניט געריכט, כאָטש ער האָט אַ היפּשע פּאָר יאָר שוין געלעבט מיטן געדאַנק פון טויט.

אין זיין לעצטן בוך „אין שענצטן טאָג פון האַרבסט" האָט ער געשריבן:

טאָ פלאַטער ניט אַזוי, ניט שרעק זיך פאַר דער בשורה אַז דו שטאַרבסט.
הייב אויף דיין קול און זינג אַ ליד צו גאָט אין שענצטן טאָג פון האַרבסט.

אין דעם בוך זיינען דאָ אַ היפּשע פּאָר לידער וועגן טויט און אפילו אין דעם פריערדיקן בוך, „אין שאָטן פון מיין בוים", אַרויס צו זיין זיבעציק־יאָריקן יובל, זיינען שוין דאָ אַ היפּש ביסל „טויט"־לידער. ער האָט געשריבן:

געמעגט די פּרוכט אַרונטערנעמען!
— וואָס איז די אייל? צו וואָס? פאַר וועמען?!
— פאַר קינדער, אייניקלעך . . . פאַר — קרובים!
— דו פראַוועסט שמחות? היטסט יום־טובים?

— פאַר זיך אַליין! . . . דער ווינטער רוקט זיך! . . .
דער אַלטער גערטנער טוט אַ ציטער:
— אַט, אַקאַרשט וואָס . . . אַ ווייס־צעבליטער! — — —

ניט די גאַנצע פּרוכט האָט ער אַרונטערגענומען, איינגעזאַמלט אין שייער. געבליבן איין בוך לידער. און דאָס דאַרף מען אַרויסגעבן.

— צו וואָס? פאַר וועמען?

פאַר אַלע יידן וואָס נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל; פאַר זיינע הונדערטער פריינט, וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט זיינס אַ וואָרט, אַ ליד; צוליב אים אַליין. דאָס בוך דאַרף זיין אַ מצבה פאַר אים, און אַ האָפענונג אַז צו זיין יאָרצייט וועט די מצבה געשטעלט ווערן.

ער האָט עס כשר פאַרדינט.

ל. פיינבערג

# אַ טויטע פּאַלמע

(פון בוך „אלישע בן־אבויה")
געהייליקט דעם ליכטיקן אָנדענק פון
מיין טייערן פריינט, דעם דיכטער
ה. רויזענבלאַט, ע"ה.

ס'איז חרוב אַלץ. ס'איז בלויז פאַרבליבן
פון רייכער, רחבות'דיקער היים:
אַ קליין און איינגעהויקערט שטיבל
אין שאָטן פון אַ צעדער־בוים.

אָט־דאָ באַזעצט האָט זיך אלישע
אין אַלטן שטיבל איין־אַליין:
אַ בעט, אַ בענקל און אַ טישל,
אין הויף — אַ לויטערער באַסיין.

די שכנים זיינע פול מיט שנאה
און וואַרפן שטיינער איבער פּלויט.
עס ברענגט אַמאָל אַן אַלטער דינער
אַ לאָגל וויין, אַ לאַבן ברויט.

און איינמאָל איז פאַרביי אלישע
די אַלטע כנישתאָ*) לעבן ים.
האָט אים אַ ברען געטאָן דער נשאר
פון צאַנקנדיקן יוגנט־פלאַם.

איז ער אַריין מיט טריט, מיט שטילע.
די שול האַלב־חרוב איז און פּוסט.
און ס'האָט געזאַנג פון זיסן תהילים
אַ פלייץ־געטון פון אַ חר'ם ברוסט.

נאָר ס'האָט באַוויזן זיך אַ פישער,
אַ ווייל באַטראַכט אים טעמפּ און דול —
און זיך געוואָרפן אויף אלישע'ן,
און אים פאַרטריבן פון דער שול.

זינט דאַן פאַרשפּאַרט האָט זיך בעל־תשובה
אין אָרעם שטיבל לעבן ים —
און אויפגעגעבן אַלע פּרוואוון
צו קומען נענטער צו זיין שטאַם.

---

*) כנישתאָ — אַ שול, אַ פאָלק־הויז.

נישט ווייט פון שטיבל — אַ בית־עלמין.
מצבות שטאַרן אין באַגין.
און פאַרן טויער ליגט אַ פּאַלמע,
צעפליקט, צעבראָכן פונם ווינט.

אלישע קוקט אין שטומען שוויינן
אויף טבע׳ס פינצטערן צעשטער:
עס טריפט דער גרינער סאָק פון צווייגן,
ווי ס׳בלוט פון הרוג, אויף דער ערד.

ער זעט זיין לעבן, ווי אין שפּיגל:
אויך אים דער שטורעם האָט פאַרלענדט,
זיין חלום׳ס ווייסע שרפים־פליגל
האָט וואָר צעבראָכן און געשענדט.

ער קערט צוריק זיך מיט הכנעה,
אַ מידע, בלאָנדזשענדיקע שאָף.
און שרייבט אויף פאַרמעט זיין צוואה —
ער שפּירט: ס׳איז נאָענט שוין דער סוף.

עס פּיינען פינצטערע זכרונות,
נאָר רואיק איז זיין מידע זעל:
ער האָט פאַרענדיקט די חשבונות
מיט זיך אַליין און גאָר דער וועלט.

דאָס פּנים פול מיט טיפע קאָרבן,
אין אויגן — פריד, אין האַרצן — פרייד.
ער שפּירט, ער וועט אינגיכן שטאַרבן,
ער שרעקט זיך מער נישט פאַר טויט.

די האָר צעשויבערט — באָרד און פּאות —
אַ גרויליק־גרויענדיקער ראָב.
עס קומט באַזוכן אים ר׳ מאיר —**)
און זיצט און שאָקלט מיטן קאָפּ:

— „פאַרגיב מיר, רבי, ס׳אַן עבירה
פון אַלץ פאַרשפּאַרן זיך אין שטייג.
איך זוך באַפרייען דיך פון חרם . . .״ —
אלישע זיצט און הערט און שווייגט.

ר׳ מאיר שפּאַנט אַרויס אין טרויער.
עס גיט אלישע זיך אַ הויב,
באַגלייט דעם תלמיד ביזן טויער,
ביז ער פאַרשווינדט אין וואָלקן שטויב.

**) ר׳ מאיר — אלישע בן אבויה׳ס תלמיד, וואָס איז אים געבליבן געטריי ביזן סוף.

**ו. נאַטאַנסאָן**

# ה. רויזענבלאַטס דיכטונג אין ליכט פון מענטש אין שייכות צו וועלט און גאָט *)

ווי יעדער טיפער דיכטער ווערט אויך ה. רויזענבלאַט פאַרזונקען פון צייט צו צייט אין מחשבות און ווערט פאַרכאַפּט פון ווייזיעס פון קאָסמישע פּראָצעסן און אורקוואַליקע אַלוועלט-שטראָמען, וואָס שלאָגן אין די טיפן פון מענטשלעכן לעבן. זיין נשמה און זיין גאַנצער וועזן ווערט דעמלט אָנגעלאָדן מיט אַלערליי פּי־לאָזאָפיש־רעליגיעזע פראַגן וועגן מהות פון אוניווערסאַלער עקסיסטענץ און וועגן זינען און ווערט פון מענטשלעכן לעבן אין ליכט פון קאָסמיש אייביקן אַנטוויק־לונגס-גאַנג. די פראַגן מאָנען ענטפערס. די פראַגן און ענטפערס פירן אַ קאָנקורענץ צווישן זיך. זיי רופן אַרויס ראַנגלענישן פון געפילן און שטימונגען, וואָס געפינען אַ תיקון אין דיכטערישער אַנטפּלעקונג.

אַזאַ דיכטונג פאַרטיפט און דערהייבט די נשמה און רעגט אָן דעם געדאַנק צו פילאָסאָפיש־רעליגיעזע חקירות. די נשמה און גייסט צערודערונגען אַרויסגע־רופענע פון דער דיכטונג שטילן זיך איין, און עס שאַפן זיך קוק-ווינקלען און צוגאַנגען צו די שייכותן צווישן מענטש וועלט און גאָט.

אין לויף פון טויזנטיאָריקער מענטשלעכער גייסטיקער אַנטוויקלונג האָבן זיך געפיל־און־געדאַנק ראַנגלענישן וועגן באַנעם פון וועלט און גאָט אַרויסגעקריס־טאַליזירט אין צוויי עיקרדיקע ריכטונגען: איינע פירט צו אַ פעסטן און זיכערן גלויבן אין דער פאַראַנענקייט פון אַ העכסטער קראַפט אין דער אוניווערס, וואָס פינקלט אין מענטשנס רוחניותדיקן מהות. דאָס איז דער פילאָסאָפישער טייטש פון בצלם אלוהים ברא אותו — אין געשטאַלט פון גאָט האָט ער אים באַשאַפן. „צלם" שרייבט דער רמב"ם, „קאָן זיך באַציען נאָר אויף דער נשמה פון מענטש און ניט אויף די אייגנשאַפטן און געבוי פון גוף" — מענטש געשטאַלט איז דער ניצוץ אלוהי — דער געטלעכער פונק, וואָס פון אים האָט אויפגעלויכטן רעלי־גיאָזיטעט אין דעם מנעטשן — די אמונה אין אַן אַנטפּלעקערישן הגם אומדערקע־נוועדיקן אַלץ איינשליסנדיקן און איבער אַלץ שוועבנדיקן קאָסמישן גייסט. דער דאָזיקער גלויבן רופט עס אַרויס, פון צייט צו צייט, געפילן פון התרוממות, וואָס ווערט באַהויכט פון קדושה. אין אַזעלכע מאָמענטן ווערט דער גאַנצער מענטש־לעכער ישות אויסגעפילט מיט נחת־רוח און גליקזעליקייט. מיט אַזאַ גלויבן אָטעמען די פילאָסאָפישע שיטות, וואָס שטעלן אַוועק אידייע ביים מקור פון אַלטוועלטלעכע פּראָצעסן און געשעענישן. אַזאַ ווייזועלע אידייע איז דאָס אינטואיטיווע און דאָס געדאַנקלעכע קערנדל פון רעליגיאָזיטעט, און פון אַלץ וואָס גייט אונטערן נאָמען אמונה. אין דער אמונה געשטאַלטעט זיך די אידייע קאָנקרעט און עפעקטיוו אין מענטשלעכער התנהגות און מעשים און אין חזיונות וואָס ווערן באַצייכנט אַלס שם הויה. דאָס אַלץ ווערט איינגעשלאָסן אין באַגריף גאָט. יעדער מענטש פון דעם מאָמענט אָן ווען ער איז מענטש געוואָרן, האָט ער אויף אַ באַוווסטן

*) אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט.

אָדער אומבאַוווסטן אופן אויסגערופן גאָטס נאָמען אין געוויסע רגעס פון זיין לעבנספלוס — דערעיקר אין די רגעס פון שווערער עצבות און צערפולער איבער־לעבעניש. די טיפסטע און דערהויבנסטע מענטשלעכע זעליקייט דריקט זיך אויס אין דעם ממעקים קראתי יה — פון די טיפענישן רוף איך גאָט.

אַ תפילה־רוף רייסט זיך אַרויס פון דער נשמה ווען זי טיפט אין ליידן, אפילו אין יענע רגעס, ווען עס טוט זיך אָפּ פון אים זיין זיכערקייט, אַז פאַראַן איז עמיצער אין די הויכן וואָס דערהערט אים.

מיין תפילה — איך וויים ניט צו וועמען זי טראָגן,
און — כ׳טראָג זי.
מיין תפילה — איך האָב ניט צו וועמען זי זאָגן,
און כ׳זאָג זי.
מיין תפילה — זי ווערט אויף מיין גומען דערפראָרן,
און כ׳טראָג זי.
מיין תפילה לעבט אויף אין אַן אויפברויז פון צאָרן,
און כ׳זאָג זי.

(ה. לייוויק — „מיין תפילה״)

די צווייטע שטרעמונג אין מענטשנס קאָסמישן אויפנעם פירט צו דער אומזיכערקייט, אָדער גאָר צו דער פּאָזיטיווער פאַרלייקענונג פון אידייע־אָדער־גייסט־אַרויסקוואַל פון אַלץ וואָס מענטש קאָן אַרומנעמען מיט זיין געדאַנק, אויסמאָלן זיך אין זיין פאַנטאַזיע אָדער דערבליקן אין זיין וויזיע. דאָס דער־פירט אין דער פילאָסאָפיע אָדער צום אַגנאָסטיציזם — צו אַן אָפּזאָג פון דער מעגלעכקייט ווען עס איז צו דערקענען אָדער אפילו צו אָנען די קאָסמישע אורקראַפט, אָדער צום מאַטעריאַליזם — צו דעם גלויבן, אַז די כוחות וואָס זיינען גורם וועלט־אַנטשטייאונג און וועלט־אַנטוויקלונג, ליגן אין די פאַר־באָרגענע טיפענישן פון מאַטעריע. אין דער רעליגיע דערפירט די דאָזיקע שטרעמונג צו סקעפּטיציזם, אַטעאיזם, אפיקורסות און כפירה בעיקר.

דער גלויבן אין גייסט ווי אַ וועלט אורקראַפט סטימולירט אין דעם מענטשן אָפּטימיזם, האָפענונג, בטחון און שטאַרקט זיין ווילן. דער אַגנאָס־טיציזם שטעלט אַוועק אַ פּרעגנצייכן און איז צופרידן מיט דעם תיקו — בלייבט אַ קשיא — אנשטאָט צו געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער אויף דער פראַגע מכוח דער סיבה כל הסיבות און מכוח דעם מהות פון דער וועלטס עקסיסטענץ. דער מאַטעריאַליזם נעמט אַן חומר אנשטאָט גייסט ווי די עסענץ פון קאָסמאָס און לאָזט מענטש און וועלט איינגעשלאָסן ווערן אין דער פעסטקייט פון אייזערנע געזעצן. זיי ביידע — דער אַגנאָסטיציזם און מאַטעריאַליזם וואַרפן אַריין דעם מענטשן סוף כל סוף אין אַ פּעסימיזם. זיי שטראָמען אַריין אין אים און נעמען אים דורך מיט געפילן פון זין און ווערטלאָזיקייט אין דעם קיום פון וועלט, ממילא אויך פון מענטשנס לעבן און פון אַלע זיינע שטרעבונגען, האָפענונגען און ווילנס אָנשטרענגונגען.

ה. רויזענבלאַטס דיכטונג געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון דיכטונג, וואָס אין איר קלינגט אַרויס דער איבערוואָג פון אמונה, בטחון און האָפענונג איבער

כפירה, סקעפּטיציזם און יאוש. דער אָפּטימיזם שטאַרקט זיך איבערן פּעסימיזם, פרייד — איבער טרויער, גייסט שטייגערונג — איבער גייסט־געפאַלנקייט.

די צאָל פון ה. רויזענבלאַטס אַגנאָסטיש־פּעסימיסטישע לידער איז גאָר אַ קליינע. די צאָל פון זיינע באַיאָהונג־אָפּטימיסטישע לידער איז גאָר אַ גרויסע.

צום אַגנאָסטישן מין געהערט זיין ליד „ממנה־נפשך", וואָס שלאָגט אָן דעם פילאָסאָפיש־אַגנאָסטישן געדאַנק בנוגע דער פרייהייט פון מענטשלעכן ווילן.

דעם דיכטער איז שווער זיך איינשטעלן פאַר דער פרייהייט פון מענטשלעכן ווילן אין די מאָמענטן ווען ער פילט זיך.

— נישטיק און קליין —
אַ זעמדעלע שטויב אין שטורעם.

ער קען דעמאָלט ניט פאַרשטעלן זיך אַליין ווי איינעם, וואָס זאָל זיין

די קרוין פון גאָטס יצירה.

ער פרעגט גאָט:

ווי קאָן איך, גאָט! אַז איך אַליין
בין גאָלע סוד און סתירה?

און דאָ רייסן זיך אַרויס מיט אימפּעט נאָך פראַגן, איינע שטאַרקער און מאָנענדיקער פאַר דער אַנדערער.

ביי גאָט — דעם באַשאַפער פון דעם מענטשן אין זיין פורעם — פרעגט דער דיכטער: ווי קען ער אין חדוה לויבן דעם שטאַרקן בורא, אַז ער אַליין איז דורך און דורך אַריינגעוועבט אין מרה־שחורה, און פאַר וואָס זאָל גאָט וועלן פון דעם מענטשן, אין וועלכן ער אַליין האָט איינגעפלאַנצט אַ פרייען ווילן, אַז ער זאָל אים אונטערטעניק זיין און דערפילן זיין מינדסטן געבאָט?

פילנדיק, אַז זיין נשמה איז פול מיט סוד און סתירה און שטורעמט מיט מרידה, וויל ער אַן ענטפער פון גאָט אויף דער פראַגע: ווי קאָן ער — דער דיכטער, וואָס מיינט אויך מענטש בכלל —

גלייכצייטיק זיין אי קנעכט, אי האַר,
אַ קרוין פון זיין יצירה?

אַזעלכע פראַגן, וואָס אויף זיי קאָנען זיינע געדאַנקן־פאַרטיפונגען קיין ענטפער ניט דערגרונטעווען, פירן אים צו

„מחשבותן וועגן אַ ראָד פון וואָגן".

אין דאָזיקן ליד ווערן איבערגעגעבן די שטימונגען וואָס באַהערשן דעם דיכטער, ווען ער דערפילט, ווי די וועלט אַ מידע וויינט אין אים. זיין אָפּרוף אויף דעם געוויין קריגט אַ תיקון אין זיין סימבאָליש־פאַנטאַסטיש בילד וועגן „אַ ראָד פון אַ וואָגן".

ער זינגט:

די וועלט האָט מיך אַרומגענומען ווי אַ רייף אַן אייזערנע די ראָד.
עס שלענגלט זיך דער וועג אַריין אין טונקעלן וואַלד — אַ בלינדער סוד.

**און ער פרעגט:**

וואו הויבט זיך אָן דער אָנהייב פונם ראָד? וואו לאָזט זיך אויס דער סוף?
וואו איז דער ערשטער גאָלדענער באַגין? וואו וואַרט דער לעצטער שלאָף?

**ער קומט צו דער השערה:**

משמעות, אַז דער שמיד האָט ניט געמאַכט קיין קנופּ ביים אָנהייב רייף,
דער שטעלמאַך האָט פאַרפעלט ביים סוף פון ראָד צו מאַכן דאָרט אַ שלייף.

**דאָס ניט וויסן וואו איז דער ערשטער באַגין, און וואו וואַרט דער לעצטער שלייף, דאָס הענגען אין דער לופטן צווישן צוויי פראַגעצייכנס: דער סוד פון דער וועלט אַרום אונדז און די רעטעניש פון אונדזער קומען און פאַרגיין אין דער וועלט, רופן אַרויס די צוויי לעצטע טרויעריקע שורות פון ליד:**

עס דעמערט... ערגעץ קריכט די מידקייט אַרויס פון דינסטן ראָד,
אַ גאָט, מיין האַר, דאָס וויינט אין מיר די מידע וועלט — דער טעמנער סוד.

**דאָס טרויעריקסטע ווי אויך דאָס שענסטע פּעסימיסטיש ליד — איז דאָס ליד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „כ׳נעם מיט זיך״. דאָס דאָזיקע ליד איז דורכגע־ציטערט מיט שטימונגען וואָס פלעפן יעדן מענטשן, אפילו דעם העכסטן אָפּטי־מיסט אין געוויסע קלענערע אָדער גרעסערע צייט־לויפן פון זיין לעבן. עס וועלן דאָ דעריבער געבראַכט ווערן אַלע שורות פון דאָזיקן ליד:**

כ׳נעם מיט מיין וועלט מיט זיך —
אַ טונקעלע לאַמטערן אין אַסיענדיקער נאַכט,
אַ בענקעניש וואָס האָט אין ערגעץ ניט דערפירט.
אַ חלום ניט דערחלומט ביזן סוף,
אַ גלויבן פון נאַראָנים אויסגעלאַכט . . .
אומענדלעך איז די פינצטערניש
און אייביק איז דער שלאָף.
דער רעגן טריטלט מיר פאַראויס —
מיין זינגנדיק און דערזונגן ליד.
כ׳שפּאַן נאָך רעגן טראָט ביי טראָט.
אַ כמאַרע ציט — אַ בלינדע סטאַדע שאָף,
און הינטער איר — אַ שווייגנדיקער גאָט.
אומענדלעך איז די פינצטערניש
און אייביק איז דער שלאָף.

**אַ ניט־דערפירטע בענקעניש, אַ ניט־דערחלומטער חלום, אַן אויסגעלאַכטער גלויבן, אומענדלעכע פינצטערניש, אייביקער שלאָף, אַ שווייגנדיקער גאָט — ווען זיי אַלע אינאיינעם טוען אייננצייטיק אַ שטראָם אַריין אין גייסט פון מענטשן און פאַרפלייצן זיין נשמה, מוזן זיי פירן צו אַן אַרויסשטראָם פון אים און אַ פאַרשפּרייט אַרום אים פון אַלץ, וואָס גייט אונטערן נאָמען פּעסימיזם.**

**דער יאוש נוסח איז אָבער ניט אייגן אין רויזענבלאַטס דיכטן און ער באַגלייט ניט צו אָפט זיינע לידער.**

אין זיין ליד „המשך" גייט ער אַריבער פון נאַכט־פינצטערקייט צו טאָג־ליכטיקייט. אין דאָזיקן ליד וואַרפט אַריבער דעם דיכטערס פאַנטאַזיע אַ בריק צווישן אַגנאָסטיציזם און פּאָזיטיוויזם. עס הייבט אָן שאַריען די פּאָזיטיווי־אַנענדיקע זעעוודיקייט און לייזט אויף די אגנאָסטיש־סקעפּטישע בלינדקייט. עס דערוועקט זיך פּלוצלונג אַ גלויבן אינם דיכטער, אַז אויף זיין וועג פון לעבן צו טויט וועט פאַרקומען אין אים אַן אַנטפּלעקונג, וואָס וועט שטראַליק דורכשניידן די גייסטיקע פינצטערניש און בלינדקייט וואָס פּלאָגן די מענטשלעכע נשמה. אין דער האָפענונג אויף אַזאַ אַנטפּלעקונג, אין דער וויזיע פון אויפלויכטונג און באַלויכטונג וואָס וועלן קומען פון איר, געפינט דער דיכטער אַ טרייסט פאַר זיין אַנגעזאָפּטער מיט טרויער נשמה.

עס קומט צו אים די דערקענונג, אַז גאָט האָט אים געזאָלבט פאַר זיין קנעכט און אַז ער דאַרף אים דינען פרום און טריי. ער דערהערט פון זיין נשמה־טיפע־נישן גאָטס שטים, וואָס זאָגט צו אים:

דו האָסט פלאַקס, דו האָסט וואָל,
די עובדא דיינע? — שפּינען.

די דאָזיקע ווערטער באַרואיקן נאָך ניט אינגאַנצן דעם דיכטערס נשמה, אין זיין מוח טוען ווי מיט אַ האַמער אַ זעץ די פראַגן

פאַר וועמען שפּין איך גאָט? פאַר אים,
וואָס וועט דאָס לייוונט וועבן?
וואָס וועב איך גאָט?! אַ חופּה קלייד?
תכריכים צי אַ זעגל?

באַלד אָבער שניידט דורך דעם דיכטערס פאַנטאַזיע אַ ליכטיקייט פון אַ וועלט־פאַרנעם, און ער הערט אַרויס

אין דעם קרעכץ פון אַ וועב־שטול
און אין זיפץ פון אַ שיפל

די טרייסטנדיקע ווערטער:

אָ, זיי געטרייסט בן־אדם!
אַנטפּלעקן וועט דיר גאָט דעם סוד
ביים סוף פון לעצטן פאָדעם.

דאָס פאַרכישופדיקע פילן און מאַגישער גלויבן, אַז פאַראַן איז אַן אַנטפּלע־קער, שאַפן אַ גרונטלאַגע פאַר דער איבערצייגונג, אַז פאַראַן איז אויך אַ זינען אינם מענטשנס שטערבן צו אַנטפּלעקונג. אַזאַ איבערצייגונג פאַרטיפט דעם מענטשן גייסטיק, דערהויבט אים געמיטלעך, און טרייבט אים צו אַן אומאויפ־הערלעכן זוכן און שטרעבן. גייסט אויפשוועב און אויפפלאַטער רירט אָן אַפּטי־מיסטישע סטרונעס אין דער מענטשלעכער נשמה און עס צעטראָגן זיך אין זיינע טיפענישן דממהדיקע קלאַנגען פון קאָסמאָס, וואָס שלאָגן אָן אייביקייט און געט־לעכקייט.

דער דיכטער רויזענבלאט שעפט לעבנספרייד און נשמה־זעליגקייט אין די מאָמענטן, ווען ער ווערט באַפליגלט אין זיין גלויבן אין דער מציאות פון אַן אַלהעכסטער גייסטיקער קראַפט און פון זיין פילן זיך גופא ווי אַ ניצוץ פון דאָזיקן גייסט. דאָס דאָזיקע פילן ווידער קרעפטיקט אַלץ מער זיין גלויבן, אַז ביום ברא אלהים אדם, בדמות אלוהים עשה אותו — אין טאָג ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, האָט ער אים אין גלייכעניש פון גאָט געמאַכט, און דער־פאַר האָט דער מענטש געקאָנט אין אַ געוויסער תקופה פון זיין אַנטוויקלונג דערהערן אויף אַ וואָסער עס איז אופן גאָטס זאָג: זע, דער מענטש איז געוואָרן ווי איינער פון אונדז צו וויסן גוטס און שלעכטס.

אַזאַ פילן און גלויבן זיינען גורם די מחשבות וואָס קומען צום דיכטער בעת ער זיצט ביים ברעג פון ים. זיי געפינען דיכטערישן אויסדרוק אין ליד, וואָס הייסט טאַקע „מחשבות, זיצנדיק ביים ברעג פון ים״.
דער דיכטער זינגט

כ׳האָב קיינמאָל צווישן וואָר און חלום ניט געזען די מינדסטע סתירה;
אין טראָפּן טוי, אין שפּראָץ אויף טאָג, אין רעגן שפּריי, איןווינט,
אין שמייכל פון אַ קינד, פונסניי רק זע איך גאָטס יצירה . . .

ניט איינמאָל האָב איך ווי דער ים פאַרזוכט דעם טעם פון בייזן שטורעם,
דעם איבערשרעק פון וואָלקנברוך. נאָר איך בין ווידער אויפגעשטאַנען
אין צער געלייטערט, ניי־באַנייט, אין גאָטס געשטאַלט און פורעם.

אַזוי נאָך ווען, אין אַ גאָט געבענטשטער שעה, פון אויס דעם ים דעם טיפן,
פון פאַרבאָרגנסטע תהומען אויפשטיין תחית המתים די געניזוקטע,
פאַרלענדטע, אומגעקומענע אין שטורעם — זעגלען, מאַסטן, שיפן.

אין ה. רויזענבלאַטס דיכטערישן דמיון איז בכלל ניט פאַראַן קיין אָרט פאַר אַן אַבסאָלוטער אניהילירונג פון וועלכן עס איז מאָדוס פון דער אוניווערסאַלער עקסיסטענץ. עס ווערט פאַרלענדט און עס בייטן זיך אויף אַלערליי אופנים די גע־שטאַלטונגען פון אוניווערסאַלן זיין־און־ווערן. דאָס קערנדל אָבער פון די אָרגאַנישע און אומאָרגאַנישע פאַסירונגען אין צייט און אין שטח, דאָס טיפע און גרונטיק־קאָסמישע פון זאַכן און דערשיינונגען בלייבט לעולם ועד. דעם דיכטערס גייסטיק אויג אַנגעשטעלט פון זיין מחשבה און דמיון אויף וועלט און קאָסמאָס, מאַטעריע און גייסט, נשמה און גוף, זעט בכלל ניט קיין לחלוטין פאַרגעסענע און פאַרלוי־רענע. יעדער עפּעסל אין דער אוניווערס, וואָס האָט זוכה געווען אין פאַרלויף פון אייביק דויערנדיקער שעפערישקייט זיך איין מאָל געשטאַלטן אין אַ געוויסער פורעם, מוז פון וועמען עס איז אָדער וואָס ס׳ניט איז פון דאָסניי אויפלעבן אין זכרון דורך די אָן אַ שיעור שפורן, וואָס לאָזן דעם זיך אויף אַזאַ אָדער אַנאַנדער אופן דערקענען. דערפאַר זינגט דער דיכטער אין זעלביקן ליד „מחשבות, זיצנדיק ביים ברעג פון ים״:

נישטאָ דער מענטש וואָס זאָל ניט בענקען צום לאַנד פון זיינע אבות;
דאָס האַרץ וואָס ווינט ניט אויף די יוגנט־יאָרן, ווי די פידלען

ביים ברעג פון בבלס טייכן, הענגענדיק אויף די ערבות . . .
נישטאָ דער פויגל, וואָס פאַרגעסט זיין נעסט וואו ער איז אַלט־געוועסן.
דער זעגל, וועלכער זאָל זיין היים־ברעג און דעם שטורעם ניט דערמאָנען;
דער מאַסט וואָס זאָל, אין נאַכט־טומאַן, זיין אַלטן וואַלד פאַרגעסן.

און דאָ טוט דעם דיכטערס אייגן האַרץ אַ קלאַפּ פון אַרויפשווימענדיקע זכרונות, און עס קומט אַרויף די מחשבה, אַז דאָס האַרץ פון מענטשן פאַרמאָגט אויך ווי דער ים אינזלען, שטערן און טומאַנען, און ווי דער ים טוט אויך דאָס האַרץ געדענקען, בענקען און גאַרן, און, דורכגעשפּיגלט פון אלפי־אלפים לייכטנדיקע שטערן, זיך דערמאָנען —

אַן זעגל פון דעם ווינט צעפליקט, און מאַסט פון בליץ צעשפּליטערט
אַן אינזל וואָס דער נעפּל האָט פאַרדעקט, פאַרמעקט, פאַרהוילן — — —
אַן טורעם־לאָמפּ, וואָס האָט אין אָסיען־נאַכט אין ים אַריינגעציטערט . . .

קיום און המשך פון זעמדעלע ווי פון די שטערן, פון דער איינפאַכסטער פלאַנץ ביז צום פילפאַכסטן ערד־געוויקס, פון דער איינצעליקער חיה ביז צו דער קאָמפּליצירטסטער מענטשלעכער באַשעפעניש, האַלטן געפאַנגען דעם געפיל און דעם גלויבן, דעם דמיון און דעם רעיון פון דיכטער רויזענבלאַט. זיין זען אַלץ אין דער וועלט ווי אויך זיך אַליין אין ליכט פון אייביקייט און דויער, קומט צום אויסדרוק אין גאָר אַ סך פון זיינע לידער. דער גלויבן אין זיין אייגענער פאַרוואָרצלקייט אין דער אייביקייט, און זיין אייגענער אומפאַרגעסלעכקייט אין די אומענדלעך דויערנדיקע דורות, זינגט אַרויס פון זיין ליד: „טריט אויפן זאַמד פון ברעג".

זיצנדיק ביים זאַמד פון ברעג, דערזעט דער דיכטער ווי גרויסע וואַסער־לאַפּעס גראַבלען זיינע באַרוועסע קילע טריט פון פייכטן זאַמד אַפּיר און נעמען צום ים זיי מיט. זיין אויער זוכט די טריט זיינע אין רוישן פון די כוואַליעס, און געפינט זיי ניט. שטאַרק איז אָבער דעם דיכטערס גלויבן, אַז זיינע שפּורן קאָנען ניט פאַרגיין. איז ער זיך ניט מצער און ניט מיאש, און האָפערדיק רופט ער אויס צו זיין האַרץ:

האַרץ מיינס,
האָב ניט מורא,
האַרץ מיינס, שרעק זיך ניט!
דאָרט וואו שיפן זיינען אומגעקומען —
זיינען זיכערער איצט מיינע טריט,
מיינע טריט.
טריט.

**אסתר שומיאטשער־הירשביין**

# ה. רויזענבלאַט *)

דער גורל האָט אַזוי געוואָלט,
זאָלסט דורך יסורים באַהעפטן זיך מיט גאָט,
אים צוטראָגן זיינס וואָס אים קומט,
און ער זאָל געבן דיר צוריק —
געשענקטע יאָרן
צו שמידן, מיט גאָלד פון דיין געמיט,
דיין, אין יונגשאַפט, אויפגעלויכטן ליד.

אָט זיץ איך אַנטקעגן דיר,
די זון פאַרגייט,
זי וואַרפט אירע לעצטע שטראַלן אויף דיין וואַנט,
איך בין איבערפולט מיט דיין געשטאַלט;
ווי פרילינג־טוי
דער שפיגל פון דיינע אויגן בלוי,
מיט קינדערשער עניוות דיין פנים שטראַלט.

בעל־חלום ליכטיקער, שטייג־ אויף
צו יענער הויך, וואָס שעמערירט מיט גאָלד־געוועבטן טרוים,
ס'איז אומעטום דיין וואָרט
דיין קלוגער צער,
דיין שמייכל,
וואָס שפילט זיך שעלמיש אין דיין אויג.

אָט זע,
דער איילבירט־בוים, זיין רוקן איינגעדרייט מיט סענקעוואַטע קנאָכן,
שלאָגט מיט לייביקער עקשנות
זיינע וואָרצלען טיף
אין דיין דיכטער־ערד.

דו ביסט דער דעמב,
די פיכטע און דער טענענבוים;
דער מאַנדלבוים צעבליט זיך אויף דיין האַנט,
מיט האָניקבעכערלעך פון דיין צעשטראַלטן טרוים.

*) געשריבן אינם חודש אַפּריל, 1956, ווען רויזענבלאַט איז צוריקגעקומען פון שפּיטאָל.

**ח. מ. ראטבלאט**

# ביאליק שבעל פה

חיים נחמן ביאליק איז געווען אַ פֿאַרשיידנפֿאַרביקע פּערזענלעכקייט: אַ געניאַלער דיכטער, אַ רעאַליסטישער דערציילער מיט אַ טיפֿן פּסיכאָלאָגישן חוש. זיין פּאָעטיש־פּסיכאָלאָגישע דערציילונג „ספיח" איז אַ געניאַלער אַריינבליק אין דער קינדערשער פּסיכיק. זיינע טיפֿזיניקע עסייען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועקן דעם לייענערס געדאַנק, אפילו ווען ער איז ניט מסכים מיט זיינע הנחות.

ביאליק דער זאַמלער פֿון דער אלטער יידישער אגדה און זיינע וויסנשאַפֿטלעכע, גייסטרייכע רעפֿעראַטן וועגן איר, זיינען אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך און וועגן זיי איז כדאי צו שרייבן באריכות; ער איז געווען אַ מיזאמער און פֿייאיקער זאמלער און רעדאַקטאָר פֿון צוויי גרויסע דיכטער פֿון אונדזער מיטלאַלטערישער פּאָעזיע: ר' שלמה אבן גבירול און רבי משה אבן עזרא; זיינע הערות, אויסבעסערונגען פֿון פֿאַרגרייזטן טעקסט און פּארטייטשונגען פֿון שווערע, פֿאַרפֿלאָנטערטע פּסוקים איז אַן ארבעט פֿון אַ געניטן פאכמענישן וויסנשאפטלער אויף דעם געביט.

ביאליק איז אויך געווען אַ גלענצנדער לעקטאָר און רעדנער, אַן אמתער פֿאָלקס־טריבון. זיינע רעפֿעראטן, לעקציעס און רעדעס זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן פֿון פֿאַרלאַג „דביר" אַ יאָר נאָך זיין טויט; דער דיכטער האָט געוואָלט אַליין זיי רעדאַקטירן, אָבער דער פּלוצימדיקער טויט נאָך זיין אָפּעראציע האָט צעשטערט און צונישט געמאכט זיין פּלאַנג; זיינען טאקע די צוויי בענדער „דברים שבעל פּה" ניט קיין פּערפֿעקטע אויסגאבע, ווי ס'וואָלט זיך געפּאסט פֿאַר אַ ווערק פֿון אַ תּלמיד חכם, וואָס האָט זיין גאנץ לעבן אָפּגעהיט ניט נאָר די ריינקייט פֿון אינהאַלט פֿון די ספרים, וואָס ער האָט רעדאַקטירט און ארויסגעגעבן, נאָר אויך זייער חיצוניות ווי למשל: די שיינקייט פֿון דרוק און פֿון פּאַפּיר.

די צוויי בענדער „דברים שבעל פּה" זיינען דער בעסטער פּירוש צו ח. נ. ביאליקס דיכטונג און קאָנען דינען ווי אַ גאָלדענער שליסל צו דער דערקענטעניש פֿון זיין געניאַלער און פֿאַרשיידנפֿאַרביקער פּערזענלעכקייט; זיי זיינען בכוח צו עפֿענען אַ שפּארונקעלע אין זיין שעפֿערישן „איך", און זיינען מסוגל צו דערקלערן דאָס גרויסע רעטעניש פֿון זיין פּאָפּולאַריטעט ביי אלע שיכטן פֿון פֿאָלק, וואָס קיין אנדערער דיכטער פֿון זיין צייט האָט דערצו נישט זוכה געווען . . .

זיי זיינען כולל נאָר אַן אויסוואַל פֿון די בעסטע ביאליקס רעפֿעראַטן, לעקציעס און רעדעס, וועלכע ער האָט געהאַלטן איבער פֿאַלגנדע ענינים: יידנטום, קולטור, ליטעראַטור, קונסט, שפּראַך, קריטיק, שרייבער; ארץ ישראל, חלוצים, אַמעריקע און אמעריקאנער יידן, און איבער פֿילע אנדערע פֿארשיידענע יידישע און אלוועלטלעכע פּראָבלעמען.

די צוויי בענדער „דברים שבעל פּה" זיינען כולל אַן אוצר פֿון תּורה און חכמה פֿון אונדזערע אמאָליקע קולטורעלע קנינים וועלכע זיינען באַהויכט און

באפרוכפערט מיט די שטראלן פון דעם דיכטערס געניוס, פונקען פון זיין „נר תמיד", וואָס האָט געברענט אין די טיפענישן פון זיין רייכער נשמה . . .

מיר וועלן פרובירן איבערגעבן אַ קליינעם טייל פון זיינע געדאנקען און זיי אַביסילע באלויכטן, און מיר ווילן האָפן, אַז דער לייענער וועט קריגן אַ מינימאלן באַגריף פון ביאליקס געדאנקען און אנשויאונגען . . .

**א.** תורה. „דער באגריף תורה האָט זיך דערהויבן אין די אויגן פון פאָלק צו אַן אומדערקלערבארער הויך. אין דער פאָלקס פאנטאזיע איז די תורה געוועזן כמעט אַ צווייטע רעאליטעט, אַן אבסטראקטע רעאליטעט, וועלכע פארנעמט דעם אָרט פון דער ממשותדיקער רעאליטעט, אָדער זי שטייט לעבן איר. די תורה איז איינגעפונדעוועט געוואָרן אין צענטער פון די אָפענע און באַהאַלטענע שטרעבונגען און פארלאנגען פון דעם יידישן פאָלק אין זיין גלות".

„די מימרא (זאָג) „ישראל ואוריתא חד" (דער ייד און די תורה זיינען איינס) איז ניט געווען סתם אַ פראַזע".

„אַ פרעמדער וועט דאָס ניט פארשטיין און באגרייפן, ווייל דער באַגריף תורה אין זיין פולן אינהאַלט און אין זיין נאציאָנאלער אינטערפרעטאציע לאָזט זיך ניט איבערזעצן אין זיין פולן מהות. תורה אין דער אינטערפרעטאַציע איז ניט נאָר גלויבן און רעליגיע, ניט נאָר מאָראַל, מצוות און חכמה, און אפילו ניט דער סינטעז פון זיי אַלע צוזאמען, נאָר אַ דערהויבענער, אומבאגרעניצ־טער באַגריף וואָס שטייגט זיי אַלע איבער; אַ מיסטישע השגה, וואָס שעפּט איר יניקה כמעט פון דער הויך און פון תהום פון אַ קאָסמישער קאָנצעפּציע".

נאָר אין ליכט פון דער מיסטישער השגה וועגן תורה קאָנען מיר באַגרייפן זיינע לויב־געזאנגען צום בית המדרש אין זיינע שירים: „אם יש את נפשך לדעת", „על סף בית המדרש" און אין זיין פּאָעמע „המתמיד", וואו ער באַ־זינגט דעם אַלטן תורה אנשטאַלט און רופט אים די שטאַרקע פעסטונג פון יידישן גייסט. ס'איז דעריבער גאַנץ פערשטענדלעך זיין פּאָזיטיווע און יראת־הכבודיקע שטעלונג צו דער יידישער טראַדיציע.

אין זיין רעדע אויפן צוועלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט ביאליק אויס־געמוסרט די רעכטע, וועלכע רעספּעקטירן ניט די חלוצישע לינקע יוגנט, וואָס איז זיך מוסר נפש פאר דעם ציוניסטישן אידעאַל, און בויט דאָס יידישע לאַנד מיט שווייס, בלוט און גרויסע קרבנות, אָבער גלייכצייטיק וואָרנט ער די פריי־דענקערישע חלוצים, אַז זיי זאָלן ניט גרינגשעצן די יידישע תורה, ווייל זי איז דער איינציקער היסטאָרישער רעכטס־דאָקומענט, וואָס מיר האָבן אויף אונדזער לאַנד . . .

**ב.** קולטור. אַזוי איז אויך זיין באַציאונג צו אונדזער קולטור פּראָבלעם: די גאַנצקייט און די איינהייטלעכקייט פון אונדזער אַל־דורותדיקער קולטור, וועלכע איז די אויסשטראַלונג און דער לבוש פון יידישן געניוס איז זיין גרעס־טער אידעאַל צו וועלכן ער האָט געווידמעט זיין שעפעריש לעבן ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג.

דעריבער האָט ער מוטיק געקעמפט קעגן דער עקסטרעמער יידישיס־טישער אידעאָלאָגיע, צוליב איר ביטול באַציאונג צו אונדזערע אַלטע קולטור אוצרות, צו תורה און טראַדיציע, טראָץ זיין וואַרעמער און פּאָזיטיווער באַצי־

אונג צו דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור; ער אנערקענט אפילו די גרויסע השפּעה, וואָס יידיש האָט געהאַט אויף העברייאיש: „מן הלשון האידית קבלה הלשון העברית את האינטימיות ואת החיוניות" (פון יידישן לשון האָט דער העברייאישער לשון באַקומען זיין אינטימקייט און לעבעדיקייט).

ביאַליקן זיינען ליב און טייער די אלטע קולטור אוצרות, וואָס מיר האָבן געשאַפן אין אַלע דורות, אָבער ער שטרעבט, אז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך ניט גרויס האלטן מיט די לאַרבער קרענצן פון דעם עבר, נאָר ער זאָל צוריק ווערן קולטור־שעפעריש און זאָל באַנייען און אויפהייבן זיין קולטורעלן ניוואָ אויך אין די תפוצות דורך דעם באַנייטן קולטור צענטער, וואָס שאַפט זיך אין ארץ ישראל און נעמט אַרום אַלע פאַזן פון לעבן, שטראָמט פון אים און איז משפיע אויף אים. ביאַליק שטרעבט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל אויפהערן צו זיין קולטור־פּאַראַזיטן, וואָס געניסט פון פרעמדע קולטור שאפונגען און טראָגט ניט צו זיין חלק צו דער מענטשלעכער קולטור. דעריבער רעדט ער כמעט מיט נבואהשן פּאַטאָס און וויזיע וועגן די גרויסע אויפגאַבן פון אונדזער אוניווער־סיטעט אין ירושלים, וועלכער דאַרף ווערן דער קולטורעלער לייכט־טורעם ניט נאָר פאַר די יידן אין ארץ ישראל, נאָר אויך פאַר די יידן אין דער גאַנצער וועלט, אין אלע זיינע תפוצות, וועלכער וועט באהעפטן אלע יידישע קיבוצים אין אַן איינהייטלעך־שעפעריש פאָלק.

ער גלויבט און האָפט, אַז די באַנייטע יידישע קולטור וועט ברענגען אַ בשורה פון דערלייזונג (בשורת הגאולה) פאַר דער גאנצער מענטשהייט; ער ענדיקט זיין אָריגינעלע וויזיאָנערישע רעדע ביי דער יום־טובדיקער דערעפע־נונג פון ירושלימער אוניווערסיטעט, אין חודש ניסן, תרפ"ה, מיט די דאָזיקע ווערטער:

„דער ספר „דברי הימים", דער לעצטער פון כתבי הקודש (הייליקע שריפטן), איז ניט דער לעצטער בוך פון דער יידישער היסטאָריע. ס'וועט אין דער צו־קונפט זיך אין אים אָנשליסן אַ דריטער טייל, מעגלעך אַ גרעסערער און אַ ווערט־פולערער פון די ערשטע צוויי קליינע טיילן".

„און אויב די התחלה פון ספר „דברי הימים" איז: די געשיכטע פון: „אדם, שת, נח" און זיין סוף איז די כורש דעקלאראַציע, וועלכע האָט גורם געווען צו ברענגען נאָך דריי הונדערט יאָר די בשורה פון דערלייזונג צו די געצנדינער פון אַלטערטום, וועט אָן ספק זיין די התחלה פון דריטן ספר — די באַלפור דעקלאראַציע, און זיין סוף — אַ נייע בשורה, אַ בשורה פון גאולה פאַר דעם גאַנצן מענטשלעכן מין, ד.ה. פאַר דער גאַנצער מענטשהייט".

ג. ליטעראַטור. זיינע קריטישע געדאַנקען און פעדער־שפּריצן איבער ליטעראַטור און אירע שעפער זיינען קורץ, טיף און טרעפלעך. אַז ער וויל אָפּ־שאַצן זלמן שניאורס אָריגינעלקייט, דריקט ער דאָס אויס בזה הלשון: „ער איז דער ערשטער העברייאישער דיכטער מיט אַלע חושים". פּירושים זיינען אי־בעריק! ס'מוז אָבער צוגעגעבן ווערן, אַז אין מאָמענטן פון פייערלעכקייט, ווי למשל: אַ קבלת פנים פאַר אַ דיכטער, אָדער אַ שרייבער, אַ יום־טוב לכבוד אַ חשובן יובילאר האָט ער איבערגעכאַפּט דאָס מעסטעלע פון שבחים און ניט אומזיסט האָבן אים לצים און קיבעצער גערופן „שר המסכים" . . .

כ׳גלויב, ס׳וועט זיין אינטערעסאַנט איבערצוגעבן בקיצור זיינע זעקס לאַוו׳ן צו שרייבער: א. זייט ניט מגזם! ב. זייט ניט באַנאַל! ג. רעדט ניט איבער קונסטווערק, באַר שאַפט קונסט! ד. אייער קריטיק זאָל זיין קאָנסטרוקטיוו! ה. זייט ניט שרייענדיק! ו. האַלט ריין אייער פען!... דאַכט זיך, גאַנץ עלעמענטאַרע שרייבערישע לאַוו׳ן, אָבער וויפל שרייבער ווערן געשטרויכלט פאַר ניט אָפּהיטן זיי.

ד. שפּראַך. זיין ליבע און געטריישאַפט צו דער העברייאישער שפּראַך איז געווען טיף פאַראנקערט אין זיין האַרץ: „די שפּראַך איז דער לעבעדיקער גייסט פון פאָלק, דער שומר חנם פון די פאָלקס אוצרות, דער לבוש פון נאַציאָנאַלן געניוס; דער ערשטער טראָט צו נאַציאָנאַלן שמד איז שמד פון דער שפּראַך״.

„די שפּראַך אונטערשיידט איין פאָלק פון צווייטן; ס׳איז דער פאָדעם וואָס אויף אים פאַרשנירעוועט זיך די נאַציאָנאַל פּסיכישע ענדערונגען, און דער קאָלעקטיווער „איך״ פון דער נאַציע וועבט זיך איבער אים, אַלץ שטראָמט און בייט זיך, אַלץ קאָן ווערן צוגענומען און באַגזלט פון פאָלק, אפילו לאנד, אַ חוץ שפּראַך; רעליגיע, מצוות, מעשים, מחשבותן, דעות, אמונות און מנהגים בייטן זיך און פאַרשווינדן און זייער צורה (די שפּראַך) באַשטייט, זי איז אייביק״. זי איז דעריבער דער שליסל צו דער נשמה פון פאָלק.

„ווער ס׳באַנוצט זיך מיט אַ פרעמדער שפּראַך, ווער ס׳קען דאָס יידנטום (יהדות) דורך אַן איבערזעצונג (תרגום) איז געגליכן צו איינעם, וואָס קושט זיין מאַמע דורך אַ טאַשנטיכל״.

ה. חלוציות. ביאַליקס באַציאונג צו די חלוצים איז אַ מין חסידישער „התבטלות היש״ (זעלבסט־נעגאַציע). ער איז געווען פול מיט התפעלות, זעענדיק ווי קינדער און אייניקלעך פון קרעמער, סוחרים, מלמדים, שדכנים און סתם בטלנים וואַלגערן זיך אויף די וויסטע וועגן הונגעריקע, אָפּגעריסענע און באָרוויסע, האַקן שטיינער, בויען וועגן און טוען כלערליי שווערע ארבעטן, טאָג איין טאָג אויס, בכדי צו בויען דאָס לאנד פאַר די קינדער פון זייער געפייניקט פאָלק, ער פילט מיט אלע זיינע חושים און איז טיף באַוואוסטזיניק, אַז „די יונגע לייט האָבן געוואוסט צו דערהויבן פּראָסטע, גראָבע פיזישע ארבעט צו אַ מדרגה פון קדושה, צו אַ רעליגיעזער מדרגה״.

ביאַליקס התפעלות פאַר ארבעט בכלל און פאַר חלוצישער ארבעט בפרט, וועלכע דערנענטערט דעם מענטש צו דער נאַטור, און באַשענקט אים מיט גליקזעליקייט און מיט דער ברכה פון דער מאַמע ערד, איז דער בעסטער פירוש צו זיינע נאַטור לידער, וואָס זיינען אָנגעהויכט מיט אמתער עקזאַלטאַציע, און צו זיינע ציוניסטישע שירים.

ביאַליק שבעל פה איז איינגעטונקען אין נבואהשן פּאַטאָס און וויזיע. דער לייענער פילט ממש בחוש דעם הייליקן פייער פון דיכטערס נשמה. ער ווערט דערהויבן פון זיין שוואונג און ווערט באַשטראַלט פון זיין ליכטיקער פּערזענלעכקייט. ער ווערט איבערפילט מיט יראת הרוממות פאַר דעם דיכטערס אידעאַלן און אידייען. אַ גרויסער שאָד וואָס זיין תורה שבעל פה איז ניט איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש.

אַלטער עסעלין

# מאַמענטאַ מאָרי

מאָל דיר אויס דאָס לאַנד וואו אַלע זיינען גלייך,
שטילקייט — ווי אין אָוונט די לבנה אויף אַ טייך.
אַ גרויסע רחמים-אויג היט אָפּ דעם לעצטן ראַנדעוואו
פון דעם וואָס קומט אַהער לעכצנדיק נאָך רו.
קיין שטער, קיין איבעררייס, אנטשיידענער באַדינג:
אַלע לאַסטן ווערן פעדערגרינג.
פה נקבר, בערגעלעך, געווירעטע אין ריי,
אונטן די פוילונג קריכט פאר אַנהייב פון דאָס ניי.

אַ מאַמע ערד, איך וויים ניט, נאָר איך אַן,
אַז ערגעץ דאָ ביי דיר איז אַן אַנטפּלאַנטערונג פאַראַן
פון בלי און וועלק, פון אויפגיי און פאַרגיי
(די עלטער-רעטעניש: הון צי איי?)
עס פעלט מיר נאָר דער כאַראַקירי-מוט,
איך וואָלט זיך דאָ אָוועקגעלייגט און אָפּגערוט
אין דער גרינער, רחבותדיקער ליידיקייט
מיט אַלע מידע, נאָמענלאָזע איובס פון דער אייביקייט,
וואָס האָבן אויסגעדולדיקט — ביז ניט ווידערשטיין —
דעם רחמנות-עקל, וואָס שלאָגט צו זיך אַליין.

גראָז פאַרדעקט.
וואו איז רואין וואָס גראָז האָט ניט פאַרדעקט?
נאָר ניט די אַנגסט פון דעם וואָס האָט דעם טויט דערשמעקט.
עס איז דער וואָלף וואָס בייסט אַרויס זיין לאַפּע פון דער קלעם,
לעקט די הייסע וואונד און שפּירט אַ זיג אין דעם;
עס איז דער וואַלדבוים נאָך דעם וואַלנבראַך
וואָס ציטערט אויף און רייסט זיך העכער נאָך.
ניט האַמאַ סאַפּיענס, אין גאָט-געשטאַלט, און פיינע נערוו-געוועבן,
וואו נעמט מען פאַר אים יעדן טאָג אַ נייעם זין אין לעבן.
אַ זין אין שלעכטס פון דעם מעכטיקן ליליפּוט
וואָס שלאָגט און באָדט זיך אין ברודער-בלוט;
אַ זין אין לייב-און-זעלנקרענק וואָס קומט געאַרבט
מיט מיקראָב און מאָטער ביז מען שטאַרבט,
אַ זין אין זיקנה, ליימונג. (אַ שאַנד, אַ אימפּאָטעניץ)
לאַנגזאַם, דאָס אַלטע האַרץ קלאַפּט נאָך אַלץ,
סקלעראָזע לונגען זיפּן לופט
און אויער הערט דער וואָרים רופט.

דער וואָרים רופט דעם „פּראָמעטעוי".
אַט דעמאָלט בויג דיין מידן קאָפּ און זאָג צו זיך אַזוי:
ס'אַרא ווערט עס האָט גאָר די פרייד אויב ניט געגערט מיט טרער.
געדעכט דער הבל'ניק; קיין ניים אונטער דער סטראַטאָספער:
אַט פאַלט דער שניי, אַט שיינט די זון און ווידער גרינט דאָס גראָז.
וואו הייבט זיך אָן, וואו ענדיקט זיך דער מעטאַמאָרפאָז?
זיי כאָטש דרייסט אָן איינציק מאָל — דאַנק און קוש
די האַנט פון טויט, וואָס גרייכט דיך ווי דעם רויזנבוש —
אַן איבערפלאַנצער — פאַר אַן אַנדער לאַבירינט,
זי דעקט דיך איין ווי אַ מאַמע צערטלענדיק איר קינד.
דיינס איז די רו, די גרויסע, וואָרע רו,
און וואָס דאַרפסטו נאָך, וואָס פעלט דיר נאָך, פחדן דו.

---

ברכה קודלי

## באַלאַדע פון די רייטער

אַרומגענומען
מיט אַ ברידערלעכער קייט פון בערג —
ליגט סיערא-מאַדרע דאָרף פאַרקלערט,
דער סוף פון דער נאַכט
שאַרט זיך אַרונטער אין בלוילעכן שלייער,
ס'בליט דער באַגינען אין גאָלדענעם ווייער,
ס'זילבערן זיך שפּיצן צו טיפן פון הימל,
אַ וואַסערל מורמלט אַרונטער אין דרימל
צום טאָל אַ פרייד און אַ מילדקייט.
פון אַ נייעם פרימאָרגן אַן אות —
שטעלט צו די זון צום בערגיקן שלאָס.

ס'באַזינגען די פייגל דעם מאַראַנצן-בוים
מיט זיסן פאַרחלומטן לשון.
פערעלעך טוי
ווערן פון זוניקע שטראַלן פאַרלאָשן,
ס'פאַרפלעכט זיך אַ ווינט צווישן פאַלמע-צווייגן
האַלב גרין, האַלב ברוין.
ס'פאַלט דער פרימאָרגן פון בערגיקער קרוין
אויף דעם דאָרף סיערא-מאַדרעס שווייגן.
די שטילקייט איז גרין און טויב,
אויף פאַרשלאָפענעם שטויב
לויפט אַ שליאַך פון דאָרף צו דאָרף.

פלוצלונג האָט אַ כאַליאסטרע פאַרשוינען,
באַרוישט און פאַרשייט,
רייטנדיק אויף פערד געטאָן זיך אַ צעוואָרף.
אין איינגעשפאַנטן טראָץ
וויגן זיך די שלאַנקע רייטער אויף די פערד,
טרעטן אוים ערשטע צייכנס
אויף פרימאָרגנדיקער ערד.

הייסער געצאַפּל ס׳געמיט פון די רייטער,
זיי יאָגן אַריבער דאָס דאָרף און נאָך ווייטער,
זיי ציען די לייצעס געשפּאַנט,
זיי צערטלען די גריוועס
און ס׳ווערן פאַרפלאָכטן די גריוועס פון פערד
מיט צערטל פון קרעפטיקע הענט.
די קעפ פאַרוואָרפן האַלב אויף צוריק
וואַרפן די פערד צו די זייטן אַ בליק
און צו די פאַרשוינען וואָס רייטן.

געשפאַנט און געשפאַנטער
ווערן די קרעפטיקע גלידער פון פערד,
זיי כראַמטשען די צוימלעך,
זיי שלינגען דעם וועג,
געשפיצט
וויגן זיך די קעפ אַרויף און אַראָפּ —
צום טאַקט פון די פיס וואָס דונערן דעם וועג.

די רייטער —
זיי רייסן די שטילקייט מיט רייץ פון גאַלאָפּ,
זיי יאָגן, זיי יאָגן.
ווי גלייך זיי וואָלטן גאַרן
די ראַנדן פון הימל און ערד צו דעריאָגן,
ווי גלייך זיי וואָלטן ווען
צעפראַלן די רוימען אין שטיקער
און דערלויפן צו עפּעס אַ דרינגנדן עיקר...

— — — — — — — — — — — — — —

זיי זענען שוין וויט־וויט אַוועק,
אַ קלינגענדיקער פלוידער רייסט זיך צוריק
און טוט זיך אויף שליאַך אַ צעוואָרף.

— — — — — — — — — — — — — —

און ווידער איז רואיק ס׳געמיט פון דאָרף.

י. פרידלאנד

# די ברכה פון וואַסער

(פון דער סעריע: קאַליפאָרניער עפּיזאָדן)

דער טאָל, אין זיין גאַנצער לײַנג און ברייט, ביזן ווייטן האָריזאָנט, איז איצט געלעגן אַ פאַרשרפּעטער, געבאַקן און געבראָטן פון דער הייסער סוף־תמוז־זון. אין אָט די הייסע זומער טעג האָבן די היצן און ווינטן גיך אויסגעטריקנט דאָס ביסל פייכטקייט וואָס איז געבליבן אין דער אינגעווייד פון דער ערד, פון די לעצטע ווינטער־רעגנס און שנייען, און געלאָזט איצט די ערד — ביין טרוקן.

די ערד פון דער טריקעניש האָט ערטערווייז אָנגעהייבן זיך שפּאַלטן, ווי נאָך אַן ערד־ציטער. די פוס־בערג פלאַכן און די ברייט־טאַליקע פּריירים, האָבן ארויפגעצויגן אויף זיך אַן אַש־גרוי קאָליר . . .

איבער דער גאנצער לײַנג און ברייט פון טאָל, האָט איצט געהערשט אַ זון ברענענדיקע שטילקייט; מענטש און חיה האָבן פאַרקליבן זיך אין שאָטנדיקע באהעלטעניש אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון דער ברענענדיקער היץ. די ווייץ און האָבער זאַנגען פון דעם פרילינג פאַרזיי, איז צו פרי רייף געוואָרן, אָבער זייער קליין און מאָגער. אַלץ איז געוואָרן צעטריקנט און געדורשט נאָך אַ טראָפּן וואַסער, נאָך אַן אָפּפרישונג. אויך די קלענערע ברונעמער ביי די פאַרמער פון טאָל, האָבן אָנגעהייבן צוביסלעך אויסצוטריקענען און ס'האָט געהאלטן ביי אַ שטארקן דוחק אין וואסער אפילו פאר דעם פשוט היימישן באַדאַרף.

צו דער טריקעניש זיינען נאָך אויך צוגעקומען אָפטע ווינטן, וואָס האָבן אויפגעהייבן וואָלקנס גאַנצע שטויב און מיט גרוי באדעקט די צוימען ארום די פאַרמס, די שטיבער און דעם גאַנצן דרויסנדיקן ארום. די בלעטער פון די שיטערע עקאליפּטן, האָבן זיך גענומען געלן און אָנגעהייבן צוביסלעך אַראָפּצופאלן ווי אין הארבסט; און די ניט דערוואקסענע האלב־רייפע קערנער פון די ווייץ און האָבער זאנגען, האָבן זיך טיילווייז אָנגעהייבן קרישלען און ברעקלען.

בענדזשאמין סוראטא, אָדער ווי די ניט יידישע פארמער־שכנים זיינען האָבן מיט היימישער פריינטלעכקייט אים גערופן „ביג בען"; טאקע צוליב זיין אויסטערלישן אויסזען: מחמת, אַ הויך געוויקסיקער, אַ ברייט פּלייציקער, כסדר מיט אַ גוטמוטיק פריינטלעך געמיט, האָבן זיי אים ס'רוב באטראכט ווי זייערן אַ בעל־יועץ. און פארדינט האָט ער זיך דעם כבוד און דרך ארץ ביי זיי, נישט סתם אזוי צוליב זיין אויסזען, נייערט קודם פאר זיין בקיאות און וויסן אין די ענינים פון אגריקולטור, און זייער אָפט גע'עצהט ווי אַזוי צו פאַרבעסערן זייער הכנסה פון די פעלדער זייערע, און בעיקר וואָס ער האָט אָן אייגן־נוציקע כוונות אָוועקגעגעבן זיין מי און צייט, פאַר די אינטערעסן פון דער שכנהשאַפט אין טאָל.

ווען ס'איז באקאנט געוואָרן, אַז דער שטאַט לעגיסלאטור אין סאקראמענטא האָט ענדלעך ארויסגענומען דעם פארלעגערטן איריגאציע פּראָיעקט פון דעם

„פידזשען־האַל" (טויבן־לאַך) און באַשלאָסן אויף אַן אמת אריינצופירן אַ וואַ־סער סיסטעם אויף זייער לאַנד, האָט מען ערשט דאַן אָפטמאָל באַדאַרפט לויפן צו די אַדמיניסטראַטאָרן, און דורך כלערליי שתדלנות און בקשות פועלן ביי זיי, אַז די אַרבעט אויף דעם פּלאַנירטן וואַסער־קאַנאַל, וואָס דאַרף ברענגען די וואַסער צו זייערע פעלדער זאָל מען דאָך אָנהייבן. און בענדזשאַמין סוראַטאַ איז געווען דער, וואָס אַ דאַנק זיין פריינטשאַפט מיט מענטשן פון איינפלוס אין סאַקראַמענטאַ, האָט מען ענדלעך דעם איריגאַציע פּראָיעקט אַ שטופּ געטאָן פאָרויס.

אַ קורצע צייט נאָך בענדזשאַמינס שליחות קיין סאַקראַמענטאַ, האָבן זיך טאַקע באַוויזן „סורוויירס" מיט קאָמפּאַסעס און „דריי־עקס" און אָנגעהייבן מעסטן דאָס לאַנד, אין דער לענג פאַזע די פוס־בערגלעך וואו דער פּראָיעק־טירטער וואַסער קאַנאַל, וועט זיך ציען. באַלד נאָכדעם האָט מען נומערירטע האָלץ־פּלעקלעך באַשטעקט, אויף דער לענג פון דעם באָדן; און ס'האָבן זיך באַוויזן טראַקטאָרן, גראָב מאַשינען, אַרבעטער מיט פערד און וועגענער, אויף אוועקצופירן די אויסגעגראָבענע ערד פונם וואַסער קאַנאַל. דער גאַנצער טאָל איז מיטאַמאָל באַלעבט געוואָרן מיט אַ גרויסער פיבערהאַפטיקער אַרבעט, און אַ ריטמיש געקלאַפּ פון מאָטאָרן און מענטשלעך געזאַנג . . .

צוליב די פּאַרדינסטן און שפע פון די פאַרמערס, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דעם וואַסער קאַנאַל, האָבן אַ טייל פון זיי שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט זייערע פעלדער, וויניק קולטיווירט, מיט דער האָפענונג, פאַרשטייט זיך, אַז דער וואַסער קאַנאַל וועט פאַרטיק ווערן, און דאָס וואַסער וועט שוין פליסן אין זייערע בייטן, וועלן זיי דאַן אָפּמאַכן פאַר דעם פאַרלוסט כפל־כפלים.

און אָט, דער וואַסער קאַנאַל איז שוין פאַרטיק געוואָרן נאָך אין אָנהייב פרילינג, גרייט אריינצונעמען דאָס וואַסער אין זיך. און איצט, שוין מיט־זומער און — קיין וואַסער איז נאָך אַלץ נישטאָ . . . און דאָ אַזאַ אומגעווײנלעכע טרי־קעניש, וואָס דער „טאָל" געדענקט עס קוים צי ס'איז ווען געווען אַזעלכעס. אַלץ ווערט פאַרטריקנט ,פאַרשרפּהט, אַז ס'וועט שוין באַלד שווער זיין עפּעס אָפּצוראַטעווען פון דעם היי־יאָריקן שניט, אויב דאָס וואַסער וועט נישט קומען באַצייטנס.

זיינען די פאַרמערס שכנים געקומען צו זייער בעל־יועץ, „ביג בען" מיט פּיט אשבורן בראש, בענדזשאַמינס נאָענטער שכן און פריינט, האַלטן זיך אַן עצה מיט אים און אויך מיט אַ בקשה.

— טייערער שכן מיינער בען — האָט פּיט אשבורן צו אים זיך געווענדעט — איבעריק פאַר מיר וועגן דעם אַ סך מאריך צו זיין. זעסט דאָך אליין וואָס עס ווערט פון אונדזער מי און פּראַצע: אונדזער תבואה אויף די פעלדער ווערט ממש פאַרברענט; אונדזערע פי און רינדער גייען אויס פון דורשט. ווען, ווען וועלן מיר שוין אַריינבאַקומען די צוגעזאָגטע וואַסער אויף אונדזער לאַנד, דער־קוויקן אונדזער ערד, שטילן דעם דורשט פון אונדזערע בעלי־חיים אוןווירשאַפט?

בענדזשאַמין האָט אויפן מאָמענט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן, און ניט ער האָט געקאָנט זיי און זיך העלפן. ער איז אַליין שטאַרק געווען באַזאָרגט וועגן

דעם דאָזיקן מצב. האָט ער וועלנדיק זיי מיט דעם אפשר אַביסל גרינגער מאַכן, אָנגעוויזן אויף זיין פאַרם, אַז ער איז נישט קיין אויסנאַם.

— ס׳איז אונדזער אלעמענס אומגליק, טייערע שכנים מיינע. ס׳איז ניט אַנדערש ווי אַ קללה פונם בורא. זעט — האָט ער מיט עצבות אָנגעוויזן אויף זיין אלפאַלפאַ פעלד — דער שטאָלץ פון מיין מי און אַרבעט. און ווייל איך האָב עס גוט קולטיווירט און געפלעגט, האָט עס, ביז איצט, געגרינט און געבלענדט מיט פריש לעבן, ווי אַן אָאַזיס אין דעם גרוי טרוקענעם אַרום . . . זעט, ווי מיין אלפאַלפאַ ווערט פאַרגעלט, פאַרטריקנט, נידעריק און שיטער געוואַקסן.

— זעט מיין קאָרן פעלד, שטייט איצט פאַריתומט געבויגן, האַלב־רייף, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּלעך און אויערן . . .

— גלויבט מיר, מיינע גוטע שכנים, מיך ווייטיקט דאָס האַרץ פאַר אייך ווי זיך, צוזעענדיק דאָס. עפּעס ווי די נאַטור האָט געוואָלט זיך נוקם זיין אין אונדז . . . און דווקא איצט, ווען דער רוב פון אייך האָבן זיך פאַרלאָזט אויף דעם אַריינקום פונם וואַסער, און דעריבער ווייניקער קולטיווירט אייערע פעלדער...

— טייערער בענדזשי — האָט פּיט אשבורן מיט היימישקייט זיך געווענדט צו אים מיט זיין בקשה, אין נאָמען פון די שכנים־פאַרמער — כ׳רעכן, אַז דו, וועלכן מיר אלע שעצן און אַנערקענען דיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר אונדזער ישוב; דו וועלכער האָסט אַוועקגעגעבן אַ סך פון דיין צייט פאַר אונדז אַלע־מען און געפועלט ביי דער אַדמיניסטראַציע, אַז דער וואַסער פּראָיעקט זאָל ווערן וואָס גיכער אַ רעאַליטעט — פאַר וואָס מיר זיינען דיר שולדיק אַ גאַר גרויסן דאַנק — דאַרפסטו אויך איצט, אין אָט דער עת־צרה און אין אונדזערע אלעמענס אינטערעסן, פאַרענדיקן דיין ערלעכע שליחות. ס׳איז אונדזער בקשה, בענדזשאַמין, אַז דו זאָלסט אַראָפּפאָרן נאָך סאַקראַמענטאָ און אָנקלאַפּן אין די ריכטיקע טירן, ווי דו האָסט עס פריער געטאָן, און אויסגעפינען די עיקר סיבה פון דער אומפאַרגעסלעכער פאַרשפּעטיקונג, פון דעם אַריינפלוס פון וואַסער אין דעם קאַנאַל. דערקלער זיי, בענדזשאַמין, אַז נאָר אַ באַלדיקער צופלוס פון וואַסער אויף אונדזערע פעלדער וועט נאָך אפשר טיילוויז געלינגען אָפּצו־ראַטעווען דעם היי־יאָריקן מאָגערן שניט . . .

בענדזשאַמין סוראַטאַ האָט זיך אָפּגעזאַמט אין סאַקראַמענטאָ אַ פּאָר טעג, און איז געקומען צוריק מיט אַ בשורה טובה, פאַר זיינע שכנים פון טאָל. מע האָט אים דאָרטן פאַרזיכערט, אַז אָן שום ספק וועט אין אַ דריי פיר טעג אַרום שוין פליסן אַ לעבעדיקער שטראָם אין די בייטן פון זייערע פעלדער. אָט די גוטע הבטחה איז אויפגענומען געוואָרן מיט ניט ווייניק פרייד פון די פאַר־מערס. אויך דעם דאָזיקן אויפטו האָבן זיי צוגעשריבן צו „ביג בענס״ פאַר־דינסטפולע שליחות.

איין טאָג, איידער דאָס וואַסער האָט שוין געזאָלט אַריינשטראָמען אין קאַנאַל, איז אַ ספּעציעלער שליח, „אַ רייטערל״, צופליען געקומען אויף בענ־דזשאַמינס פאַרם און איבערגעגעבן אים די אָפיציעלע ידיעה, אַז מאָרגן באַ־גינען וועט מען עפענען די שליוזן און קראַנען פון דער גרויסער הויפּט דאַמבע,

אזוי אז די פאַרמערס אין „טאָל" קענען זיך מאכן גרייט אויפצונעמען דאָס וואסער, ווען ס'וועט צוקומען צו די גרענעצן פון זייער לאַנד.

בען האָט תיכף איבערגעגעבן די דערפרייענדיקע בשורה צו זיין נאָענטן שכן, פיט אשבורן. אָט די עלעקטריזירנדיקע ממשותדיקע נייס האָט אַרומגע־כאַפּט אלעמען אין טאָל מיט אַן אומבאַגרענעצטער פרייד און פייערלעך געפיל...

— — —

פיט אשבורן, אַן איינגעוואָרצלטער אויף דעם באָדן, אַ זון פון אַ פאַרמער־פיאָנער; אַ הי־געבוירענער, אַ קאַליפאָרניער, וואָס אַזעלכן רופט מען דאָ עד היום, מיט שטאָלץ, „אַ נייטיוו סאַן", האָט ניט נאָר געירשנט פון טאַטן זיינעם, דריי הונדערט און צוואַנציק אַקער לאַנד, נייערט אויך זיין פרומקייט און רעליגיעזע גלויביקייט. פיטס פאָטער האָט זיך באַזעצט דאָ אין טאָל, תיכף נאָך דעם „גאָלד־ראַש". ער איז נישט געווען פון די דאַמאָלסדיקע „גאָלד־יעגער". ער איז געווען פון די ניט ווייניק ערלעכע, האַרעפּאַשנע, נאַטור ליבנדע, צו ערד צוגעבונדענע, געזונטע נאַטור מענטשן. אַזעלכע וואָס האָבן דאַן מיטן שטראָם געצויגן זיך צום ווילדן מערב, צום נייעם, פיל צוזאָגנדיקן און פּרוכ־טיקן לאַנד. דאָ, אויף דער קאַליפאָרניער ערד, האָבן זיי זיך באַזעצט, איינגע־וואָרצלט זיך און ממשיך געווען די ערד ארבעט, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו זיי בירושה פון דורות; און וואָס איז געבליבן שטאַרק איינגעוועבט אין זייער פלייש און בלוט . . .

פיט אשבורנ'ס פאָטער איז געווען אָט פון יענעם נאַטור־געזונטן, אַרבעטסוויליקן און שאַפנדיקן מענטשן. געקומען איז ער דאַן אַהערצו, מיט אַ סך אַנדערע ווי ער, אין יענער שטורעמדיקער עפּאָכע, אין 1848, ווען דאָס לאַנד דאָ, אין דעם טייל, האָט זיך נאָך געפונען אין דעם פּראָצעס פון באַשאַפונג און עטאַבלירונג. געקומען איז ער אין אַ וועלט אַ נייער פול מיט ראָמאַנטישקייט און אַוואַנטורעס. אַ געמיש פון מענטשן פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער און קאַליבר; מענטשן אַזעלכע פאַרהאַרטעוועטע און בראַווע, אַזעלכע ווילד פּרימיטיווע, אָבער אויך ערלעך מוטיקע און אָן מורא. אָט אין יענער שטורעם און דראַנג עפּאָכע, און פון יענער אָנגעלאָפענער, פאַרשיידנאַרטיקער און געמישטער שטיק־מענטש־הייט, אַ דאַנק ווּעמענס כח און אומבאַגרענעצטער ענערגיע ס'האָט אויפגעבליט אָט די פּרוכטיקע מערבדיקע קיניגרייך; איז פיט אשבורנס פאָטער, דאַן נאָך אַ יונגערמאַן, געווען איינער פון די אַקטיווסטע פּיאָנערן.

פיט אשבורן איז געווען אַ זון פון אַזאַ פּיאָנער: געבוירן און דערצויגן אויף קאַליפאָרניער ערד, אויף דעם פעטן באָדן פון דעם סאַקראַמענטאַ טאָל; מיטגעוואַקסן און מיטגעלעבט מיט דעם גאַנצן שאַפנדיקן פּראָצעס פון דער נייער וועלט, האָט ער פאַרערלעכט דעם פּיאָנער, דעם מאַן פון אַרבעט. פיט האָט בכן זייער באַוואונדערט בענדזשאַמינען פאַר זיין אומבאַגרענעצטן ווילן און ענערגיע, און בעיקר זיין גרויסע ליבע צו דער נאַטור, צו ערד און צו מענטשן . . .

פיט איז געווען אַ רעליגיעז פאַעטישע נאַטור, אין אַלץ האָט ער געזען די יצירה פון בורא און די השגחה. צו דער געלעגנהייט פון דעם גרויסן פייערלעכן יום־טוב — דער יום־טוב פון וואַסער, האָט ער פאַרטראַכט, אַז אַזאַ

דערוואַרטונג קען מען נישט סתם אַזוי פאַרבייגיין אָן פייערלעכקייט. די פאַר־
מערס פון טאָל, האָט ער געפילט, דאַרפן ווי אין אַ מאַרשירנדיקע פּראָצעסיע
אַרויסגיין באַגעגענען אָט דעם לאַנג דערוואַרטעטן און זייער אָנגעלייגטן גאַסט...

ער האָט צוזאַמענגערופן די שכנהשאַפט: די מענער, פרויען און יונגוואַרג,
אַלע זאָלן זיך צוזאַמענקומען צו „ביג בען״ אויף דער פאַרם, פון דאָרטן וועט
די פּראָצעסיע אַ ריר טאָן זיך אין וועג, באַגעגענען דעם לאַנג דערוואַרטעטן
וואַסער־שטראָם.

מיטן קאַיאָר האָט די גאַנצע שכנהשאַפט געצויגן זיך צו דער פאַרם פון
„ביג בען״. פון דאָרט האָט די קליינע עדה פאַרמערס, מיט פּיט אשבורן און
„ביג בען״ אין דער ערשטער ריי, און באַוואָפנט ווער מיט גראַבלייעס, ווער מיט
לאָפּעטעס, אויך קלימעקלעך אויף די אַקסלען פאַר צדה־לדרך, האָט די פּראָ־
צעסיע אַ ריר געטאָן זיך פאָרויס.

מוטיק און מיט פריילעך געזאַנג האָבן זיי מאַרשירט פּאַזע דעם גרוי־
צעמענטענעם קאַנאַל, וואָס האָט געצויגן זיך מיילן ווייט, דורכשניידנדיק פלאַכע
בערגלעך און קליינע גראַבנס. ס'האָט זיך געשטעלט אַ זוניקער פרימאָרגן. די
זון איז אַרויסגעקומען אַ העל־פייערדיקע פון אַריבער די בערג אין מזרח זייט.
גייענדיק האָבן די מאַרשירער זייערע אויגן געריכטעט פאָרויס, פון וואַנען דער
וואַסער־שטראָם וועט אָנקומען.

מיטאַמאָל האָט איינער פון דער פּראָצעסיע דערזען פון אַ בערגיקער הויך,
פּאַראַלעל מיט דעם קאַנאַל, אַ לענגלעך, זילבער וואַסער־שטראָם וואָס האָט
שעמערירט און געשפּיגלט זיך אַנטקעגן די שטראַלן פון דער פרימאָרגנדיקער
זון. איינער האָט איבערגעגעבן דעם צווייטן. אַנדערע פון די גייער, כדי בעסער
קענען זען דעם שטראָם, האָבן מיט די הענט געמאַכט, ווי אַ דעכעלע, איבער
די אויגן, צו פאַרשטעלן די שטרענגע שאַרפע שטראַלן פון דער זון.

אַ ווילדע באַגייסטערונג האָט אין דעם מאָמענט אַלעמען באַהערשט, ווען
די גאַנצע מאַרשירנדיקע עדה האָט שוין פון ווייטנס דערזען אָט דעם דינעם,
אַנטקעגן דער זון שימערירנדיקן וואַסער־שטראָם. אַ גרויס מעכטיק אויס־
געשריי האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן ביי דער גאַנצער עדה, וואָס האָט
אָפּגעהילכט, ווייט און ברייט, איבער דעם גאַנצן, גרויסן פּוסטן אַרום, פון דעם
מדבר:

ו ו אַ ס ע ר ! ! !

מיט נאָך אַ מוטיקערן געזאַנג און שנעלערן טעמפּאָ, האָט די פּראָצעסיע
געשפּאַנט אַנטקעגן דעם אָנלויפנדיקן וואַסער שטראָם. די עדה איז נישט מיד
געוואָרן גייענדיק באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ. אָט האָט זיך דער וואַסער־
שטראָם אין די הויכקייטן פון קאַנאַל באַוויזן, און אָט האָבן זיי אים אין די
נידעריקייטן פון אויג פאַרלאָרן. זיי האָבן שוין אָבער אַלע געפילט, אַז דאָס
וואַסער קומט אָן וואָס אַמאָל נאָענטער און נאָענטער. אַנדערע האָבן אפילו
אָנגעשטריינגט זייער געהער, צוגעלייגט אַן אויער צו דער ערד, און שוין גע־
הערט אַ שטילן גערויש פון דעם לויפנדן שטראָם. זיי זיינען געווען איצט
איבערפילט מיט אַ פריידיקע דערוואַרטונג.

מיטאַמאָל איז דער וואַסער שטראָם מיט אַ שטאַרקער קראַפט אָנגעלאָפן

און די אַלע וואָס זיינען געווען אין דעם קאַנאַל, האָט דאָס וואַסער מיט אַ קילער פרישקייט ארומגענומען . . .

זיי זיינען שטיין געבליבן אין דעם נאָך ניט טיפן וואַסער, און ווי רעליגיעז גלוביקע, האָבן זיי געפילט, אין דעם מאָמענט, ווי זיך צו קריסטיקן און טובלן זיך אין אָט דעם, צו זיי, הייליקן וואסער.

„ביג בען" און פיט אשבורן זיינען געווען פון די ערשטע אויפצואוואַכן פון דער אויפגערוימקייט און עקסטאז. רירנד, מיט געזאנג אין זיין שטים, האָט פיט אשבורנס תפילה, צום לאַנד און וואסער, ווי אין דער ווייטקייט זיך געטראָגן.

מיר קערן זיך אום צו דיר, ערד אונדזער ערד, מיט פרייד און געזאנג.

מיר ברענגען מיט זיך דאָס טייערסטע אין וואָס דו נויטיקסט זיך אזוי שטאַרק.

מיר קומען צו דיר מיט דעם הייליקן וואַסער־שטראָם, צו שטילן דיין דורשט און דערקוויקן דיין טראַכט.

מיר וועלן שוין מער זיך נישט צווינגען, יעדן טראָפּן וואסער צו שפּאָרן;

אונדזערע פי און רינדער וועלן טרינקען פון דעם וואסער־שטראָם ביז זעט.

און ווען אונדזערע פעלדער וועלן דערפילן די נאָענטקייט פון פריש וואסער,

וועלן די קלענסטע וואָרצלען זיך טיפער אין דער ערד ציען. און בוימער וועלן

וואַקסן, וואס דאָס לאנד האָט נאָך קיינמאָל דאָ געזען; און כלערליי פלאַנצן וועלן

זיך באַווייזן דאָ אָן אַ שיעור, ביי דער מינדסטער באַהעפטונג פון וואַסער מיט

אונדזער גאָט געבענטשטער ערד.

אונדזער לאנד וועט באדעקט ווערן מיט הויכן גראָזן און געזונטע פּאַשע.

און דער שניט פון אונדזערע פעלדער וועט זיין אַ גרעסערער, ווי אין אַלע

פרוכטיקע און שפּעדיקע לענדער.

ווען פּיט אשבורן האָט זיין תפילה פאַרענדיקט, האָבן אַלע שטיל אַרויס־געפליסטערט — אָ מ ן . . .

די פארמערס האָבן מיטאַמאָל דערפילט דיווירקלעכקייט אַרום זיך, און תיכף ווי אויפגעלייזט זיך פון דעם כמעט רעליגיעזן טראַנס, זיינען זיי ביס־לעכווייז ארויסגעקראָכן פון דעם וואסער קאנאל, און שוין מיט געאיילטע טריט געלאָזט זיך אהיים, יעדער צו זיך אויף זיין פעלד, וואָס גיכער אָנצוזאַפּן די דורשטיקע ערד, די פארהלשטע וואָרצלען פון דעם טרוקענעם קאָרן, ווייץ און האָבער זאנגען און די האלב געל טרוקענע אלפאלפא פעלדער.

מיט גרויס טריאומף און נצחון, מיט פריידיק געזאנג און ליכטיקע האָפע־נונג, האָבן די פארמערס פון טאָל, קליין און גרויס, ביז אין דער טיף פון דער נאכט, ביי דער באליכטונג פון ברענענדיקע אויל שטורקאטשעס, מיט פלייס אָנגעטרונקען דעם טרוקענעם באָדן, יעדער אויף זיין פעלד און נחלה.

מאַטעס דייטש

# אַרץ—רויזענבלאַט

## I

שפּעט נאַכט. דער דיכטער זיצט אַ גרויפּ די גרויס
צווישן פלאַטערדיקע מחשבות — וואַלקנברעכער
צי נאָך העכער; ער לעבט זיינע שעהן אוים
ביים שרייבטיש ווי אין קילקייט פון אַ פעכער.

ער גרונטיקט זיך אין צייט לעם ליד ביז פאַרפערטיקט;
געדולדיק וועבט ער אות צו אות — אַ טיפער כום
געפּרעסטע פערזנמעטריק אין גראַמגעציר פערפעקטיקט;
זיין כתב איז קליין, ער אַליין — אַ סאָלדיע מאָס.

די איינציקע כלי-זיין מיט וועלכער ער מעסט
לעבן, וועלט, פאָלקס-חכמה אין זיין איכטיגל;
ער זיצט באַרוט — אַ תהילים-טרער אין טראַנס פאַרמתט —
אַ שטיקל קנויט אויפן דנאָ אין לעצטן איילקריגל . . .

ביים זייט פון אים — אַ שומר די גלאָז טיי —
שטייט קאַלט; פאַרבענקט נאָך די פעדעמלעך פאַרע.
דער דיכטער אַ סובטילער זקן — ליכטיקער שניי;
זיין פּען שניידט דורך פאַר אים אַ אייביקע וואַרע . . .

אַ וועלט מיט פרייד, מיט ליד און ליכט;
זיין ליריש געזאַנגג האָט אויסגעשטראַלט פון זיך;
איצט שפיגלט עס אָפּ קלוג אויף זיין געזיכט
אַל-די שעפערישע שפע — שטריך לעם שטריך.

## II

ער זיצט — אַ פייערקנויל — אין דיכטער-טראָן זיכער;
די קלאָרע האַנט, אַ זעגל פלאַטערדיק געשפּאַנט אין סאַמע מיט
אויף בלאַנק פּאַפּיר — שאָטנס אין ווייסן-ים-געוויכער;
אָט פּאַקט ער אַלע לעבנס-סודות אין זיין האַנט, אָט — ניט.

שטילקייט הויערט אַרום פאַרפּול ווי אין דער מערת המכפּלה.
„ליים, הרודעס, בלויע פלאַמען" — שטערן לעם שטערן געשעצטע.
ערווינדלט זיך אין „שאָטן פון מיין בוים". שוין? נו, מילא.
ער אַנט ניט צי שרייבט ער גאַר ס'ערשט ליד צי שוין ס'לעצטע . . .

צעטשוכעט זיך, דערוואַכט: אַ? יאָ. ער שרייבט: וויל דערציילן,
אַרויסציען פון זיין ברייט יידיש-אוקראַיינישער פאַזוכע
מעשהלעך, ווערטלעך, מילנערשע עפּיק — אַלע לעבנסבאַפעלן
גרויסגעשטאַלטיקן, מאָלן דאָרפס-יידן; זייער סומנע מערכה.

— כאַטש ברויט צו־זעט געגעסן דאָס יאָ, נאָר ס׳אַרא ברויט!
עס שמעקט נאָך עד־היום מיר אין נאָז דער רייצנדיקער ריח;
גאָט, מיין האַר! אויב געשמאַק ווי יענער ברויט איז דער טויט,
טאָ שיק אים צו דיין קנעכט; ווי פּוך וועט ער זיין מיר — ווייך.

זיי מוחל מיר! גאָט, אַמאַי איך טו אַזאַ ביטערע מחשבה כאַווען,
אַז אַלץ וואָס איך זע אין דיין באַשאַף ז׳בלויז מחשבה, טשיקאַווע,
טאָ העלף מיר זי, ווי ספּריטנע לאַשיקעס, פּאַעטיש קאַווען;
ס׳וועט פרייען דיין פאַריאַכן מיך צו אונדזער יידישער פּאַווע.

### III

און ווידער ציט עס אים אַרויף אויפן זעגל — טראַכטן:
ברעג. אַנהייב זיקנה — אַ יונגער לידערניק; אַ לאַמטערנטרעגער;
אַן אַנגעלאָדענע באַרזשע מיט זאַפּאַסן יערן ווי אין שאַכטן
אין אים; זיי ציטערן טאָמער וועט אַ פאַל טון אויפן ברעג ער . . .

ווי סע טוט אַ צי מיט די לייצעס די פערדלעך, דער שמייסער,
תמיד, פאַרן לייענען האָבן אַראָפּגעקייקלט אַ ווערטל זיינע ליפּן:
— איינמאָל איינגענומען דיין צוהערער מיט „אַן אַנרייסער"
דאַן קאָנסטו שוין דעם גאַנצן לעבנס־עול דורכן ליד דורכזיפּן.

נאָך „מיין ליכטיקע נסיעה" בליקט ער צום זוים — לעצטער חלום
און דורך אים — אַריין אַהין — „אַן אורח אין גן־עדן".
וואָס אמת טאַקע גלייך אַרוים צוריק; נאָר ווערליק . . . אַ, לעם
אַזאַ מין זוים־געטרוים איז כדאי זיך אַנהייבן צעשיידן

פון ערדישקייט, פון זיך „מיין שענצטער טאָג אין האַרבסט".
פאַרשטייסט, סערצע? ס׳איז ניט קיין שפּיל — אַ רויש־געַרוישעוו;
איינמאָל נאָר באַטרעטסטו „יענע שוועל", ציט עס שוין אַהין; שטאַרבסט.
און ווידער? בלייבסט דערפאַר דאָרט אייביקן; אַן אַנגעלייגטער תושב.

דערימעך אַרבעט ער מיאיק, שטעלט אַ וואָרט און מעקט אוים פיר;
ווייל וואָס איז דאָ אַזוי די איילעניש פונקט איצט מיט אים?
איז יאָגן? יאָגט ער ניט די פען — אַ ריר, קוים, קוים אַ ריר;
אַ טייבעלע צירקלט, טירקלט — רוט זיך אָפּ אויף עצי שטים . . .

עס שטראַלט פון אים אי זון אי ערד ווען אותיות יידישע
ווי זריעה געשאָטענע צעבליען זיך אין גערעטעניש, פּעטלעך,
אויף זיין פערז, סטאַנזע אין פשטות אידיאָמאַטיש לירישע —
זאָל זיין זייער אופן באַשערט צעוויקלען די רויזנבלעטלעך . . .

### IV

נאָר ווערליק דעם דיכטער שאַפּט זיך שווער און מיאיק,
פונקט אַזוי, קעגנאַים, אַרבעט דער האַר טויט, מערנאָך פלייסיק;

דען ביי אים איז גאָר אַ גרויסער קערן דער פּאָעט (כאָטש גליאיק)
דאָך ניט מער איז ער ווי אַלע זיינס אַ קונד — גלייכפּרייזיק.

נו, לייגט ער אים, גאַלאַנט, אין אָרון אריין אַ דענדי!
דער שענצטער אָנצוג. אַ פרישע קאַמיליע פאַרשטעקט אין לאַץ;
זיין לינקע יד איבער דער רעכטער, שווער־מיאיקע הענט די,
קלאַמערן אויפן עקוואַטאָר פון ברוסט — אַ דיטיראַמבישער זאַץ.

„דעם זאַץ" לייענט דער פּאָעט וואָס אויף דער ערנוואַך שטייט
לעם ניפטר׳ס פּיס און זעט: די רעכטע האַנט בפירוש רייסט זיך
פון דער לינקערס קלעם: לאָז אָפּ מיך, לאָז אָפּ! דען גרייט
בין איך צוריק דעם דיכטער דינען מיט מיין גאַנצן פליים — גיך.

פאַרגעס ניט, רויז, ס׳בלייבן פרישע לידער צאַפּלען אין מאַנוסקריפּט
און וואַרטן אויף מיין־דיין־ריר; ניט לאָז זיי יתומען געגאַרט;
ס׳איז ניט דיין שטייגער. וואָס? אָן עבר ווערן? ביסט אָנגעקניפּט
אין קשר של ראש, מאַעסטרא מיין, דו פאַלקיש־לעבעדיקע קעגנוואַרט.

*A*

ווען דער שר פון די פּאָעטן דערזען האָט די קלעמיקע מאַכט
פון דער לינקער איבער דער רעכטער, פאַרקלעמט תקיפיק,
פאַרשאָלטן האָט ער זי נאָכאַמאָל פאַרבלייבן שוואַך אין אָנמאַכט;
דער רעכטער? תרי"ג מאָל געבענטשט: לעולם ועד בלייב — פראָליפיק.

דער דיכטער וואָס לעם די פּיס אים שטייט, ער שרייבט
מיט זיין אינגעווייד־געציטער פאַרכאַפּט אין התעורותא דלתתא:
זעט! גאָט נעמט אַראָפּ פונם טויטס אַקסלען דאָס לעבן באַנייט
און לייגט זיך אין אָרון מיטן דיכטער געאָרעמט ווי אַ טאַטע . . .

ווייל דער זין פון לעבן איז דערזעלבער ווי דער זין פון שטאַרבן.
דאָס איבעריקע? אַ משל בלויז; אַ סימן פאַרן שטיקעלע תירוץ;
דער משל? ביסטו. דיין ליד? דער זיך־יש; עס טוט פולקאָם אַרבן
דיין נפש, מינע, די גאַנצע דיכטערישע אימפּעריע — רויזענבלאַט־אַרץ . . .

אַלע אויגן אינם „טשאַפּל" זעען־צו דעם בלענד; דעם בורא׳ס פּראַכט
זאַמלט איין צוריק דאָס ליים איבערצוקנעטן אין דער טאַטעשער האַנט;
גאָט, דער וואָס האָט די זכיה אַזוי צוזעען דייך־זאָך פאַרטראַכט,
וועט שוין מיטגיין מילד, געלייטערט דורך דיין אייביקן פאַרשטאַנד.

לאָס אַנגעלעס, יוני, 1956.

נח גאָלדבערג

# געפֿונען אַ טרייסט

דערציילונג

(געווידמעט דעם לויטערן אָנדענק פֿון ה. רויזענבלאַט ע"ה)

אין סטודיאָ איז געווען הייס און וולאַדימער שולמאַן, אָדער ווי מען פֿלעגט אים רופֿן: „דער מייסטרא", וואָס האָט איצט, אויף די עלטערע יאָרן, געשפּילט צווייטע פֿידל אין סאַמע עק פֿון דער דריטער ריי, האָט אַלע ווײַלע געווישט זיך דעם הויכן, גערונצלטן שטערן.

צוליב דער היץ, האָט זיך די רעפּעטיציע געשלעפּט ווי אַ טרויער־מאַרש. דער אָרקעסטער איז שוין צום ווײַפֿלטן מאָל איבערגעגאַנגען אַ מאָטיוו פֿון בעטהאָווענס פֿינפֿטע סימפֿאָניע, און עס איז אַלץ נישט אַרויסגעקומען ווי דאָס באַדאַרף צו זײַן, ווי דער דיריגענט סאָקאָלסקי האָט געוואָלט. מחמת פֿון דעם אָרט, וואו שולמאַן איז געזעסן און געשפּילט — זײַנען כסדר געקומען פֿאַלשע טענער.

די פֿאַרשוויצטע מוזיקער זײַנען געווען אויסגעזעצט לויט זייערע אינסטרומענטן. די ערשטע פֿידלער — לינקס, די צווייטע — רעכטס. הינטער זיי — די וויאָלאָס, באַסן, טשעליסטן, קלאַרנעטיסטן, פֿלייטיסטן, און גאָר צו לעצט — די מחבלים, ווי זיי האָבן גערופֿן די פּויק און פּייקלער, וואָס ביים שפּילן פֿריילעכע מוזיק האָבן זיי זיך געוואָרפֿן פֿונעם גרויסן פּויק צו די קליינע פּייקלעך, צו די ליטאַווראַס און צו אַלערליי גלעקלעך און שרײַערלעך.

אַנטקעגן זיי, אויף אַ נידעריקער פּלאַטפֿאָרמע, איז געשטאַנען דער דיריגענט, סאָקאָלסקי און אָנגעפֿירט מיטן אָרקעסטער. ווען ער האָט דערהערט אַ פֿאַלשן טאָן, איז ער, אַ בייז געוואָרענער, צוגעגאַנגען צו שולמאַנען:

— איך בעט אײַך! נעמט דעם ריכטיקן טאָן! . . . איר וועט דאָך פֿטר'ן דעם קאָנצערט! . . . צוליב אײַך וועט מען נישט קאָנען אויפֿטרעטן אין צײַט! . . .

דער אַלטער מייסטרא האָט אים נישט געענטפֿערט און געפֿילט האָט ער, ווי די רעכטע האַנט האָט מאַכטלאָז געפֿירט דעם בויגן איבערן פֿידל, ווי די פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט האָבן געציטערט און קיין קלאָרן קלאַנג נישט אַרויסגעבראַכט. ער האָט געוואוסט: שוין אַ לאַנגע צײַט, אַז דער דיריגענט בינדט זיך: „איר זײַנט שוין אַלט, הער שולמאַן". אָבער מיט אַזאַ חוצפּה ווי איצט, איז ער נאָך קיינמאָל נישט צוגעגאַנגען צו אים . . .

דער אַלטער מייסטרא האָט גענומען דרייען די שוואַרצע אויערלעך פֿון פֿידל, איר געוואָלט „אָנשטעלן", אַז זי זאָל אַרויסגעבן די זעלבע קלאַנגען, וואָס די אַנדערע „צווייטע פֿידלען" און נישט געקענט. די „שליסלען" האָבן זיך, ווי אומישנע, אַרײַנגעגעסן טיף אין קעפּל פֿון פֿידל און נישט געגרירט זיך פֿון די ערטער.

סאָקאָלסקי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן „בעטאָן" איבערן סטענדער, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַ העפֿט נאָטן. אויפֿגעהויבן די הענט אין דער לופֿטן און דער אָרקעסטער האָט אַ שאַל געגעבן:

— טראַ־טאַ טאַ טאַ! — — — —

שולמאַנס פֿידל האָט ווידער אָנגענומען מיט אַ טאָן נידעריקער, ווי עס

האָט זיך געפּאָדערט. האָט דער דיריגענט אָפּגעשטעלט דעם אָרקעסטער און נאָכאַמאָל צוגעלאָפן צו אים:

— איר זייט שוין ווידער אַראָפּ פון וועג?! . . . איר וועט דאָך מיר אומ־גליקלעך מאַכן! . . . וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? . . . איר האָט דאָ אָפּגעשפּילט צוואַנציק יאָר, געגוג! . . . לאָזט אַ ייִנגערן . . .

די מוזיקער, כמעט אַלע יונגע, האָבן אויסגעדרייט די קעפּ און, מיט באַ־דויערן אין די אויגן, געקוקט אויף דעם אַלטן, אויסגעשפּילטן מייסטרא און געזען ווי ער האָט דעם ווייסן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, געשעמט זיך צו באַגעגענען מיט זייערע בליקן. ער איז אויפגעשטאַנען פון בענקל, אַריינגעלייגט די פידל אין פוטליאַר, אָנגעטאָן דעם רעקל, די הוט און איז שטילערהייד אַרויס פון סטודיאָ.

דעם גאַנצן וועג ביזן הויז, וואו ער האָט געוואוינט אין אַ קליין, אָבער ציכ־טיקן צימערל, איז שולמאַן געגאַנגען אַ שווייגנדיקער, אַ דערשלאָגענער און געקלערט: איז דאָס טאַקע מעגלעך, אַז צוליב דער עלטער האָט אים סאָקאָלסקי כמעט אַרויסגעטריבן פון דער סטודיאָ? . . . אמת, קיין יונגערמאַנטשיק איז ער ניט געווען. אַ מענטש אין די הויכע פופציקער. כאָטש אַן אָפּגעראַזירטער, נאָך מיט אַ היפּש ביסל ציינער אין מויל, האָט ער אויסגעזען אַ סך ייִנגער. נאָר די האָר, ווי פריש געפאַלענער שניי, האָבן אים אַרויסגעגעבן. נאָר צוריק גע־רעדט, זיינען דאָך פאַראַן גאַנץ יונגע מענטשן מיט גרויע און אפילו מיט ווייסע קעפּ האָר . . .

טאָג און נאַכט האָט אים דער געדאַנק ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט אפילו געוואָלט נאָכאַמאָל אַריינגיין אין סטודיאָ צו אַ רעפּעטיציע און זען דעם יונגנ־מאַן, וואָס האָט פאַרנומען זיין אָרט. אַן אינעווייניקסטע שנאה צו אים האָט געברענט דאָס האַרץ. נאָר דער געפיל איז באַלד אַוועק און שולמאַנען האָט אָנ־גענומען אַ רחמנות אויף דעם אומבאַקאַנטן פידל־שפּילער: ער וועט דאָך אויך ווערן אַלט און אָפּגענוצט? . . . אפילו אויף סאָקאָלסקין האָט ער מער קיין האַרץ ניט געטראָגן און אָפּט גערעדט צו זיך אַליין: — אַז איך בין פאָרט אַלט! די פינגער ציטערן און צוויבערן ניט אַרויס די זעלבע קלאַנגען וואָס אַמאָל, און מיט אַזעלכע מוזיקער קאָן קיין אָרקעסטער ניט אויפטרעטן צו קאָנצערטן . . .

עס איז אַוועק דער זומער, דערנאָך דער ווינטער, אַ האַרטער, אַ קאַלטער און אַ פאַרביסענער — איז ענדלעך אויך פאַרביי, און געלאָזן היפּשע פאַלדן ביים מייסטרא אויפן צעקאַרבטן פּנים. דורך דער צייט איז שולמאַן אַרומגע־גאַנגען מיטן פידל איבער די קאַפּייען, איבער די נאַכט־קלובן און געבעטן זיך:

— דערלויבט מיר צו שפּילן פאַר אייער געערטן פובליקום . . .

אַז די באַלעבאַטים צי די אויבערקעלנער האָבן אים דערזען ביים טיר, ווי אַ בעטלער, האָבן זיי אים פשוט אָנגענומען ביים קאָלנער און אַרויסגעשטויסן פון דאָרט:

— אַוועק פונדאַנען! קיין טרעמפּס דאַרף מען ניט!

יאָ, אפילו אויף די מענטשן איז ער ניט געווען אין כעס און געטראַכט: אָנגעשטעלטע! זיי קאָנען אים דען? און פאַרוואָס זאָל מען אים ניט רופן „טרעמפּ", אַז זיינע בגדים זיינען אין אייניקע ערטער פאַרלאַטעט. קויפן נייע איז ניט געווען מיט וואָס. די פאָר דאָלער וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט,

זיינען שוין פון לאַנג צערונען געוואָרן. איז וואָס זיינען זיי נעבעך שולדיק? . . .

ס׳האָט טאקע ניט גענומען לאנג און שולמאַן האָט אָנגעהויבן אונטער־הונגערן און דערציילן דאָס די פּאָר איבערגעבליבענע פאַרערער פון אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען דער ערשטער פידלער אין אָרקעסטער — האָט ער זיך פּשוט געשעמט. ניט געוואָלט זיי זאָלן זיך דערוויסן פון זיין איצטיקער לאַגע און אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט זיי אפילו.

דערצו נאָך האָט אים די איינזאַמקייט געדריקט דאָס געמיט און עס איז אים געווען פאַרדרוסיק אויף זיין פאַרשטאָרבענער פרוי לאַליאַס, וואָס האָט אים קיין קינדער ניט געבוירן. איצט, אויף דער עלטער, וואָלט ער געהאַט אַ פריינט מיט וועמען צו פאַרבייטן אַ וואָרט און אפשר אַן אָרט וואו דעם אַלטן קאָפּ אַוועקלייגן. און אַזוי וואָס? . . . גאָרניט!

די שמאָלע טיר פון זיין איצטיק וואוינונגל איז שטענדיק געשטאַנען אַ פאַר־מאַכטע. די ווענטלעך שוין לאַנג, זייער לאַנג צוריק געפאַרבטע, האָבן אומע־טיקע געקוקט איינע אויף די אַנדערע. פונם סופיטל האָבן זיך פּענעצלעך קאַלך געשיילט, ווי לאָקשן און געפאַלן אויפן בעטל, אויפן טישל און אפילו דעם אַלטן פידל־שפּילער אויפן קאָפּ.

אין די לעצטע צייטן האָט שולמאַן מורא געהאַט איינצושלאָפן. פלעגט ליגן גאַנצע נעכט אויפן רוקן און איינהערן זיך צו איטלעכן שאָרך אין גאַס און אין שטוב, וואָס איז געווען באַזעצט מיט נאָך אַזעלכע איינוואוינער און, ווען ער וואָלט זיך ניט געשראָקן פאַר דער בייזער באַלעבאָסטע — וואָלט ער געלאָזט ברענען דאָס עלעקטריש לעמפּל ביז אינדערפרי.

נאָר אין אַ דיינסטיק אינדערפרי איז צו אים אַריינגעקומען די באַלעבאָסטע פון הויז און בייז געקלונגען מיטן בינטל־שליסלען ביי זיך אין פאַרטוך:

— נו, מיסטער שולמאַן? (שוין ניט „מייעסטרא״, ווי זי פלעגט אים רופן ווען ער האָט געוואוינט אין איר גרעסטן, בעסטן צימער און געצאָלט דאָס דירה־געלט אין צייט) וואָס וועט זיין? . . . וואָס איז, אַזאַ מאַן ווי איר קאָנט ניט פאַרדינען? דאָ איז אמעריקע! מען גייט שפּילן אין די הויפן! נישקשה, עס מעג אייך אָנשטיין! . . .

דערהערט דאָס וואָרט „הויפן״, האָט שולמאַנען דער מאַרך אַ ברען געטאָן. אין האַרצן האָט זיך עפּעס אַ ריס געגעבן. דער געדאַנק צו שפּילן ווי אַ בעט־לער, איז אים אויסגעקומען ווילד און אָפּשטויסנדיק. ער, דער אַמאָליקער סאָליסט פון ווינער גאָרטן, ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן אַזוי נידעריק? . . . ניין! שוין בעסער — — —

אָבער דער הונגער האָט איבערגעוועלטיקט דעם שטאָלץ. איז דער מיי־עסטרא אַוועק אין אַ ווייטן יידישן געגנט, געשלייכט זיך פון גאַס צו גאַס מיט **אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער**, מ׳זאָל אים ניט דערקענען און ניט געוואַגט אַריינ־גיין אין אַ הויף, כאָטש די הויפן זיינען געשטאַנען אָפענע, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן ביי אים: „קום אַריין, מייעסטרא, קום אַריין! שעם זיך ניט. ס׳איז אַזאַ וועלט! . . . דו ביסט ניט דער איינציקער״ . . .

טיף אַראָפּגערוקט די הוט איבער די אויגן, איז שולמאַן געגאַנגען מיט ציטער אין די קני, געוואָרפן פאַרשעמטע בליקן אויף די מענטשן, וואָס זיינען

אים פאַרביי און ניט אַכטנדיק אויף דעם וואָס ער האָט זייערע פּנימער אפילו ניט געזען, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלע קוקן אים נאָך, זיי קאָנען אים און ווייסן אַז ער, דער געוועזענער סאָליסט, שפּילט אין די הויפן כדי צו שנאָרן פּעניס . . .

נאָך שעהן אַרומבלאָנקען אַ הונגעריקער און אַ דערשלאָגענער, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, ווי אַ שאָטן אַריינגעשאַרט זיך אין אַ הויף, געבליבן שטיין נעבן אַן אויסגעווייסטער וואַנט פון אַ הויז, ניט גערירט זיך פון אָרט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

אָבער ווען ער האָט דערזען, אַז פון הויף האָט מען אים ניט אַרויסגעטריבן, אפילו ניט אומגעקוקט זיך אויפן אַלטן מאַן, איז ער געוואָרן ביי זיך תקיף׳ער אַביסל. ארויסגענומען די פידל פון פוטליאַר, מיט גראָבן פינגער אויסגעפּרובירט די סטרונעס, געדרייט די שוואַרצע אויערלעך און אָנגעהויבן שפּילן סאַראַסעטיס עלעגיע:

טראַ־רא רי־רא, רא־רא־רי־רא!

די פידל האָט דערפילט דעם מעייסטראָס ווייַ און פאַרוואַנדלט זיך ווי אין אַ לעבעדיקן וועזן. זי האָט געקרעכצט, געוויינט און אויסגעשפּילט די וויי־ענישן וואָס זיינען געלעגן טיף ביים עלנטן מענטשן אין דער נשמה. דער מייי־עסטראָ האָט געוויגט די פינגער אויף די סטרונעס און ארויסגעכישופט די דינסטע קלאַנגען, וואָס זיינען פון רגע צו רגע און פון מינוט צו מינוט שטילער און שטילער געוואָרן. נאָר אָט האָט זיך די פידל אויפגעכאַפּט. די טענער האָבן זיך אַ הייב געטאָן, אַ טראָג געגעבן זיך ווי שטורעמווינטן און אים, שולמאַנען, וואָס האָט לויט זיין טבע געשפּילט מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט דאָס אַוועקגעטראָגן צוריק צו זיינע יונגע יאָרן, אינם ווינער גאָרטן, וואו ער איז צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן פאַר אַן עולם פון טויזנטער מענטשן.

דעמאָלט האָט שולמאַן געהאַט גרויסע פאַנטאַזיעס. געהאָפט צו ווערן באַרימט אויף דער וועלט, אויפטרעטן מיט קאָנצערטן ווי די גרויסע, ווי ער האָט גערופן פּאַגאַנינען, קרייזלערן און אפשר מיט דער צייט ווערן אַ דיריגענט פון אַ גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער וואָס וועט טראָגן זיין נאָמען: „אָרקעסטרא דע שאָלמען" . . .

נאָר נאָך לאַליאָס אַוועקגיין פון דער וועלט, איז ער געוואָרן אַ מרה־שחורהניק, אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן די פידל, איז אָפּט, שוין אַביסל צו אָפּט געזעסן אין ווייך־קעלערס, פאַרטרונקען די ביינקעניש נאָכן וויב און במילא אָנגעוואָרן דעם שוואונג אין די פינגער, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר יעדן קינסט־לער. דעמאָלט האָט אים סאַקאָלסקי אַראָפּגעזעצט פון אַן ערשטן פידלער אויף אַ צווייט־ראַנגיקן און דערנאָך — פאַרשטופּט אזש אין דעם סאַמע עק פון דער דריטער רייע.

אַז ער האָט איצט געעפנט די אויגן, האָט ער דערפילט, אַז דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט פון שאַנדע. דער הויף איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך איינגעהערט צו זיין שפּילן און געוואָרפן מטבעות אויף דער ערד. די טעמפּע קלאַנגען פון די פאַלנדיקע „פּעניס" און „ניקעלס" האָט

געבריט דאָס לייב. דער מייעסטרא האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגערוקט די הוט, געוואָלט אַרויסגנבֿענען זיך פונדאַנען, אַנטלויפן וואוהין די אויגן וואָלטן געטראָגן. נאָר מיט אַמאָל איז אַ מיידעלע צוגעקומען:

— מיסטער, באַט אייך דאָס געלט, וואָס איך האָב צוזאַמענגעקליבן.

פון יענעם טאָג אָן איז שולמאַן ארומגעגאַנגען איבער די הויפן און געשפּילט פידל. אמת, אָפּט האָט ער דאָס ניט געטאָן. בלויז דעמאָלט ווען די נויט איז אים באַפאַלן, און קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געבליבן.

דורך דער צייט איז שולמאַן אינגאַנצן אָפּגעלאָזן געוואָרן ביי זיך. האָט זיך די עלטער לאַנג ניט געלאָזט בעטן און, ווי אַ האַרבּ, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף זיינע איינגעבויגענע פּלייצעס. די ווייסע האָר האָבן גיך אַנגעהויבן אויסקריכן. נאָר די אויגן זיינען געבליבן ווי געווען — טיפע, בלויע און מילדע ווי ביי אַ קינד.

אויך דער פּוטליאַר זיינער האָט זיך פאַרעלטערט און אַנגעוואוירן די אַמאָליקע שוואַרצקייט, באַוואַקסן מיט אַ גרינעם שימל. די ראַנדן — אָפּגעריבן. נאָר שולמאַנען האָט ניט אַזוי געאַרט דער פּוטליאַר, אַפילו ניט די טיפע קנייטשן ביי זיך אויפן פּנים, ווי אים האָט געקימערט די פידל. מיט אַ ריינער טיכעלע האָט ער איר אַלע טאָג ארומגעווישט, ארומגעפּאָלעט, ניט געלאָזט קיין שטויבעלע פאַלן און געהיט זי, ווי די שוואַרצאַפּלען אין די אויגן.

צו זיין פידל־שפּילן, וואָס האָט אין אָנהייב איטלעכן געצופּט ביים האַרצן, האָבן זיך די מענטשן פון די ארומיקע קווארטאַלן גיך צוגעוואוינט. און איצט, אַז ער איז אריינגעקומען אין אַ הויף, האָבן זיי זיך אויף אים מער ניט אומגעקוקט, מער ניט געוואָלט הערן די אומעטיקע ניגונים און עס איז אויסגעקומען, ווי יעדערער וואָלט געהאַט זיין פּעקל צרות און געזוכט אַ טרייסט אין פריילעכער מוזיק, אין „דזשעז", ווי מען האָט דאָס גערופן.

איז דער אַלטער ווידער ארומגעגאַנגען אַ צעבראָכענער. שוין ניט אַזוי צוליב די עטלעכע סענט וואָס וואָלט אים צונוץ געקומען, ווי צוליב דעם אַליין, וואָס ער האָט איצט ניט געהאַט פאַר וועמען צו שפּילן פידל, און דאָס האָט אים מער ווי געטאָן און געפּרעסן דאָס האַרץ, ווי דער גרעסטער הונגער.

איז ער זיך מיישב געווען און אַוועקגעבלאָנקעט אין אַן אַנדער געגנט, אין אַ גאַס, אָנגעפּיקעוועט מיט גרויסע „אַפּאַרטמענט" הייזער פון ביידע זייטן, און שוין ווי אַ געניטער, אַריינגעקוקט אינם ערשטן הויף. מיט זיינע קליינע, ניט זיכערע טריט אַריין אהין און אָנגעהויבן שפּילן.

**הפּנים, אין דעם געגנט זיינען ארומגעגאַנגען נאָך פידל־שפּילער.** מחמת קיינער פון די דערוואַקסענע מענטשן, וואָס האָבן דאָ געוואוינט, האָבן אַפילו די קעפּ ניט אַרויסגעשטעקט פון די צעעפנטע פענצטער, ווי פאַר זיי וואָלט דאָס קיין נייס ניט געווען.

דערפאַר אָבער איז דער הויף פאַרפּלייצט געוואָרן מיט קינדערלעך: בלאָנדינקע, שוואַרצינקע, ייִנגעלעך און מיידעלעך. דאָס קליינוואַרג האָט זיך אַרומגעשטעלט ארום דעם אַלטן, ווייס־קעפּיקן מייעסטרא און מיט געבעט אין די בליקעלעך געוואַרט, אַז ער זאָל עפּעס שפּילן פון זייערטוועגן.

ווען שולמאַן האָט דערזען אַזויפיל קינדערלעך און דערצו נאָך אַזעלכע

ליבינקע, איז אים וואַרעם געוואָרן אויפן האַרצן. האָט ער גלייך אַרויסגענומען די פידל און אָנגעהויבן שפּילן אַזעלכע פריילעכע ניגונים, אַז די חברה האָט זיך גענומען פאַר די הענטלעך און אַוועק טאַנצן אין אַ ראָד.

געשפּילט האָט ער אַ לאַנגע צייט און ווען ער איז פאַרמאַטערט געוואָרן, האָט ער די פידל פאָמעלעך ארייַנגעלייגט אין פוטליאַר, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ הילצערנער קעסטל אין מיטן הויף און צוגערופן זיי:

— נו, חברה! זינגען קאָנט איר?

— כ׳קאָן — האָט געענטפערט אַ מיידעלע מיט שוואַרצע אויגעלעך, צוויי חן־גריבעלעך איןביידע בעקעלעך און מיט צוויי צעפּלעך, וואָס האָבן זיך איר געבאָמבלט אויף דער פּלייצקע.

— טאָ זינג מיר עפּעס! — האָט זיך דער אַלטער געבעטן ביי איר.

אַ דרייסטע און אַ צוגעלאָזטע, האָט זיך דאָס מיידעלע אַוועקגעשטעלט קעגן שולמאַנען, אַ ווײַלע געקוקט אויף אים און דערנאָך מיט נייגעריקייט אין קולכעל געפרעגט:

— גרענדפּאַ (זיידע), וואָס מאַכט דאָס פידעלע צו שפּילן?

דערהערט דאָס וואָרט „זיידע״, האָבן זיך ביים אַלטיטשקן אין די אויגן טרערן געשטעלט. ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך, איר אַרומגענומען, ווי מען נעמט אַרום אַ ליבן אייניקל, וואָס מ׳האָט אַ לאַנגע צייט ניט געזען און געענטפערט:

— אַ פידל, מיין קינד — האָט איר דער מייעסטראָ פאַרטייטשט — איז אַזאַ אינסטרומענט, וואָס זינגט ווי אַ פייגעלע און וויינט ווי אַ קינד, צי ווי אַ דערוואַקסענער מענטש . . .

דאָס מיידעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שויס. מיט אירע פּוכקע הענטלעך אים אַרומגענומען:

— גרענדפּאַ! אַ פידל לעבט?

שולמאַן האָט אַרויסגענומען די פידל, צוגערופן אַלע קינדערלעך, וואָס האָבן געקוקט אויף יעדן ריר זיינעם:

— איר זעט, קינדערלעך, דעם אויסגעשניטענעם העלצעלע אינעווייניק אינעם פידל? דאָס איז דאָס האַרץ, אָדער ווי מען זאָגט, די „נשמה״ אירע, מיט וועלכער די פידל פילט מיט יעדן מענטשן. און ווען זי דערוויסט זיך, אַז דעם מוזיקער וואָס שפּילט אויף איר איז אומעטיק, ער האָט ניט וואָס צו עסן און וואו צו שלאָפן, גייט פון אָט די צוויי געדרייטע עפענונגען אַרויס די נשמה אירע, פליט אוועק אין הימל און טאַנצט דאָרטן מיט שיינע מלאַכימלעך אַזוי לאַנג, ביז דעם פידל־שפּילער ווערט פריילעך אויפן האַרצן און ער פאַרגעסט אויף אַלע זיינע צרות . . .

אויף אַ ווײַלע האָט זיך שולמאַן פאַרטראַכט. נאָר מיטאַמאָל איז ער געוואָרן אויפגעמונטערט. ער האָט פאַרהערט אַלע קינדערלעך, אָפּגעקליבן די

וואָס מיט דינע קולכעלעך, אויסגעשטעלט לינקס: גרעבערע שטימעלעך — רעכטס און די וואָס מיט נאָר גרעבערע — הינטער זיי און עס איז געוואָרן אַ גאַנצער „כאָר״ . . .

איצט האָט דער מייעסטרא אויפגעהערט גיין אין אַנדערע הויפן, זיך ניט אינטערעסירט מיט די פּאָר סענט, וואָס ער פלעגט צוזאַמענקלייבן, און אין אַ באַשטימטער שעה, איז ער אַלע טאָג געקומען אין דעם זעלבן הויף, ווי אַמאָל אין סאקאלסקיס סטודיאָ, און מיט דער ערנסטקייט פון אַ דיריגענט, אויסגע־שטעלט די קינדערלעך אַרום זיך, זיי געלערנט זינגען און זייער געזאַנג באַגלייט אויפן פידל.

די קינדערלעך האָבן שוין געוואוסט, ווען דער „זיידע״ מיטן פידל דאַרף אָנקומען. זיינען זיי אים אַנטקעגן געלאָפן, ווער מיט אַ „פּעני״ אין האַנט און ווער מיט אַ גאַנצן „ניקל״ און פריידיקע געשרייען —

— גרענדפּאַ! איך האָב פּאַר דיר אַ פּעני! און איך האָב אַ ניקל! — האָט דאָס צווייטע קינד אַריבערגעשריען דאָס ערשטע.

שולמאַן האָט זיי באַגעגנט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל, אין די געדיכט־אָנגעוואוקסענע וואָנצעס. געבלאָזן זיך אויף זיי, ווי אַן אמתער זיידע. איין מיי־דעלע געגלעט איבערן קעפּל, אַ צווייטער איבער די בעקעלעך; אויך די ייִנגעלעך צוגעוואָרפן וואַרעמע בליקן און געפרעגט אַלעמען:

— נו, וואָס מאַכט איר קינדערלעך? שוין אויסגעלערנט זיך נעכטיקן לעסאָן? אנו שטעלט זיך אויס אין אַ ראָד! . . .

געהאָרכזאַמע האָבן זיך די קינדערלעך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרייז אַרום אים און געוואַרט ביז דער „דיריגענט״ וועט ארויסנעמען די פידל פון פוטליאר און געבן זיי דעם ערשטן טאָן אויף אָנהייבן זינגען.

נאָך אַזאַ מין רעפּעטיציע פלעגט זיך דער אַלטער אַוועקזעצן אויפן קעסטל, קוקן אויף די טייערע קינדערלעך און טראַכטן: ליבע קינדערלעך! עס קאָן דאָך זיין, אַז צווישן זיי זאָל זיך געפינען איינער צי איינע וואָס וועט פידל שפּילן, זיין אַ גרויסער מוזיקער, אַ דיריגענט פון אַ גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער און זיין חלום, וואָס ער האָט ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן, וועט אפשר איינע דורכפירן אין לעבן . . .

האָט אים שוין געפרייט, וואָס זיין מי איז ניט אַרויסגעוואָרפן. די קינדער־לעך האָבן אויפגענומען זיין פידל שפּילן מיט ערלעכע הערצעלעך, מיט ריינע נשמהלעך און אָפּגעענטפערט מיט אַפּלאַסק מיט די הענטעלעך און אַנדערע טאַקע מיט אַ קוש, וואָס דאָס אַליין האָט פאַרגאַנצט זיין צעבראָכענעם לעבן. איז ער ארומגעגאַנגען צווישן דעם יונגוואָרג, ווי אַ ניי געבוירענער אין אַ וואונ־דערלעכער, קינדערשער וועלט.

**פינטשע בערמאן**

# ווער ווייס...

ווי גרויס און ווי מעכטיק, אַ גאָט, דיין באַשאַף איז!
ווי אימה'דיק-וואונדערלעך ס'אזי דיין געבוי!
פון ווייטסטע גאַלאַקסן, ביז זון און פּלאַנעטן,
פון טיפן פּאַסיפיק, ביז טראָפּנס פון טוי.

עס זינגט דיר דער קאָסמאָס זיין אייביקע תפילה,
עס עכאָ'ט דער וועלט-אַל דיין רוים און דיין לויב.
פון בלענדנדע נאָוואַס, ביז ליכטער אין מילך-וועג,
פון בערגישע שפּיצן, ביז טאָליקן שטויב.

איך ווייס: אין די מילי-מיליאַסן פון וועלטן
ווער זיינען מיר דען אום צו ציען דיין גנאָד —
פאַרוואָס זשע דיין צאָרן, דיין אייביקער צאָרן,
אַ גרויסער, אַ שטאַרקער, אַ שרעקלעכער גאָט!

איך זע אים, דיין צאָרן, אין האַרץ פון דער מאַמע,
וואָס זינגט אין די נעכט צו אַ ליידיקער וויג...
איך זע אים, דיין צאָרן, אין אויג פון דעם קעמפער,
וואָס הוליעט משוגע נאָך פאַרלאָרענעם זיג...

און ער, מיט צעסטאַרטשעטע בליקן, דער בעטלער,
וואָס קניט, פון דיין אייגן געבעט-הויז, ביים וואַנט...
„בצלם" געשאַפן — דער שטאָלץ פון די געטער —
און הינטיש-הכנעה'דיק שטרעקט אוים אַ האַנט...

ווער ווייס, אפשר האָט דיר פון לאַנג שוין דערעסן
די אייביקע תפילות און דער אייביקער לויב,
און שטום דערפאַר, גאָט, איז דיין מויל פאַר אָן ענטפער,
און דיין געטלעכער אויער פון לאַנג איז שוין טויב...

און דערפאַר טאַקע קוקסטו אין גאַנצן ניט אום זיך
אויף דיינע פאַרוואָרלאָזטע אייביקע קנעכט,
און עס גייט דיר ניט אָן, ניט דער טאָגיקער טומל,
און עס גייט דיר ניט אָן דאָס געוויין אין די נעכט...

און אפשר — וועך ווייס — נאָר איך וויל זיי ניט ברענגען
די דאַזיקע ווערטער אַרויס פון מיין מויל —
עס קען דאָך ניט זיין אַז דער פיין פון די דורות
געווען איז אומזיסט, און אומזיסט זייער גרויל!

עס קען דאָך ניט זיין, אַז אומזיסט אַלע זשארן,
און אומזיסט דער יאָר-טויזנטער העלישער פלאַם,
און אַלע די איוב-און-איכה געמיטער
פון אייביקן, תהילים-צעזונגענעם שטאַם...

אַ, שווער איז צו האָבן אַ גאָט און אים דינען...
און אייביק אין געטלעכע קאַוועס צו זיין,
און זוכן און זוכן און קיין מאָל געפינען...
און אָננעמען אַלעס פאַר גוט און פאַר פיין...

נאָך ערגער אין גאַנצן קיין גאָט ניט צו האָבן,
און קומט אָן אַ צייט, און דאָס לעבן ווערט שווער —
ניט האָבן צו וועמען צו בעטן און האָפן,
ניט האָבן פאַר וועמען צו לאָזן אַ טרער...

---

ז. בתין

## ווי אַזוי ניט צו שרייבן אַ ליד

אַ שטייגער, לאָמיר זאָגן
ווערסט אַמאָל אָוועקגעטראָגן
פון אַ זונפאַרגאַנג פאַרנאַכט!
פון אַ טיפער איבערלעבונג.

מעג עס פרייד זיין
אָדער צער,
און האָסט פאַרטראַכט אַ ליד צו שרייבן,
היט זיך אויס פון דער געפאַר.

דיין גאַנץ געדאַנק
אין ליד פאַרפלאַנצן,
— לאָז איבער פאַרן לייענער
זיך צו פאַרטיפן און דאָס ליד דערגאַנצן.

און ווי דאָס לעבן איז דיר טייער,
היט זיך ווי פון פייער!
פון אַזעלכע גראַמען ווי:
„ליב-טריב, שטוב-גרוב;
האַרץ-שמאַרץ, געדאַנק-קראַנק,
לעבן שטרעבן” — — — — —

אַזעלכע גראַמען
האָבן שוין פון לאַנג
זייערע אייניקלעך אויסגעגעבן!...

אָט האָב איך פאַר אַ קאָלעגין
איבערגעלייענט צוויי פּאָעמעס,
ס'איז גוט זאָגט זי
ס'איז לויטער אמת.

נאָר ניט צום שפּאַסן,
די גראַמען, מאַכט זי —
זיינען אָפּגעטראָגענע אָפּצאַסן.

היינט ווען דו פאַרנעמסט אַזאַ קריטיק
פון אַ דיכטערין אַ באַוואוסטער —
קומט דאָך אוים כאָטש נעם דאָס ליד
און טראָג דאָס אָפּ צום שוסטער!...

ווי יענער פאַרמער וועלכער האָט
געבראַכט זיין האָן אין שטאָט,
און געזוכט אַ זייגער-מאַכער
פון דער נאָענט און פון ווייט:

זיין האָן איז קאַליע אים געוואָרן,
און קרייעט ניט אין צייט!

דערימער איז מיין עצה:
בכדי אַמאָל צום נאָר ניט בלייבן —
איז וואָס מערער זיך פאַרטראַכטן
און וואָס ווייניקער צום שרייבן...

יעקב זינגער

# אליהו הנביא

(איין־אַקטער)

## פּערזאָנען:

**דר. לעווינסאָן:** אַן עלעגאַנט, געקליידעטער מאַן פון אַ יאָר 42.

**מילי, (זיין ווייב):** אַ ליכטיק, צאַרט פּנים. אַן איידעלע. 28 יאָר.

**קענעט (זייער זון):** אַ יינגל פון אַ יאָר 7 אָדער 8.

**מר. שניצלער:** אַ ייד פון אַ יאָר 70, אַריסטאָקראַטיש געקליידט. אַ שיין, צוגעשוירן בערדל.

די האַנדלונג קומט פאָר אין דעם גרויסן גאַסט־זאַל פון דר. לעווינסאָן. ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, איז דער זאַל ליידיק. באַלד הערט מען אַ קלינג פון דעם גלעקל און דר. לעווינסאָן שליסט די טיר. ער קומט אַריין, טוט אויס זיין מאַנטל און הוט און הענגט זיי אויף אין דעם אַלמער, וואָס געפינט זיך לעבן דער אַריינגאַנג טיר. ער מאַכט גלייך זיינע האָר, הוסט זיך אויס אַביסעלע. גייט איבערן צימער, מאַכט גלייך בילדלעך וועלכע הענגען אַביסעלע קרום, אויף די ווענט. שטעלט אַוועק עטלעכע שטולן וואָס שטייען ניט אויפן ריכטיקן פּלאַץ און רופט אויס, אין צווייטן צימער אַריין).

**דאָקטער:** מילי, מילי, ביסט אין דער היים?!

**מילי:** (אַריינקומענדיק, קוקט די אויפן האַנט זייגערל) וואָס עפּעס אַזוי פרי?

**דאָקטער:** (גייט איר אַנטקעגן מיט אַ שמייכל) ניט געוועזן וואָס צו טאָן אין אָפיס, בין איך אַהיימגעקומען אַביסעלע פריער. וואָס איז דען?

**מילי:** איך האָב געהערט דעם קלונג אין דער טיר, האָב איך געמיינט אַז עס איז ווידער דער אַלטער ייד.

**דאָקטער:** (אַביסל פאַרוואונדערט) וואָס פאַר אַ ייד?

**מילי:** ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אונדזערער אַ שכן.

**דאָקטער:** וואָס האָט ער געוואָלט?

**מילי:** ער האָט געוואָלט אַז דו זאָלסט אים אַרויסשלעפּן אַ צאָן.

**דאָקטער:** האָסט דאָך אים געקענט זאָגן אַז איך נעם ניט אויף קיין פּאַציענטן אין דער היים.

**מילי:** געזאָגט, ער האָט אָבער געזאָגט, אַז זיין זון האָט אים אַריבערגעשיקט צו דיר.

**דאָקטער:** זיין זון? . . . ווער איז זיין זון?

**מילי:** דאָס איז דער אַרכיטעקט וואָס וואוינט אין דער שיינער הויז.

**דאָקטער:** (איבעררראַשט). דער אַרכיטעקט איז אַ ייד?! איך האָב ניט געוואוסט אַז עס וואוינען אין דער געגנט יידן? (גייט איבערן צימער, רעדט ווי צו זיך אַליין). איך האָב ספּעציעל געקויפט אַ הויז אין דער געגנט, כדי אונדזער קענעט זאָל זיך קענען פריי אַנטוויקלען, אָן אַ דרויסנדיקן איינפלוס און אָן פאָר־אורטיילן, און דאָ, ווידער יידן. (דירעקט צו מילין) זאָג מיר, דער אַרכיטעקט, דער מיסטער שניצלער, האָט קינדער?

**מילי:** ניין. וואָס איז?

**דאָקטער:** נאָך אַ שטיקל גליק. איז, ווער וואוינט דאָס אין אַזאַ גרויסער הויז?

**מילי:** (זעצט זיך אויף אַ שטול). איך ווייס, מיסטער שניצלער, מיסעס שניצ־לער, זייער פאָטער און די דינסט.

**דאָקטער:** (שטעלט זיך אַוועק אַנטקעגן מילין) אַז מיין גאַנצער קליענטעל איז ניט קיין יידישער!

**מילי:** דו מאַכסט פון אַ פליג, אַ העלפאַנט. ביסט דאָך אַ דענטיסט. דער מאַן וועט קומען וועסטו אים אַרויסרייסן דעם צאָן און פאַרטיק.

**דאָקטער:** דו פאַרשטייסט מיך ניט. איך האָב ניט קיין פאַראורטייל קעגן יידן. איך לייקן ניט אַז איך בין אַ ייד. פרויד איז אויך געווען אַ ייד. איינשטיין אַ ייד. איך זאָרג זיך וועגן אונדזער קינד. איך וויל אַז ער אַליין זאָל באַשטימען זיין גאַנג אין לעבן. אַז ער זאָל אויפוואַקסן, אַ פרייער מענטש, אָן שום פאַראורטיילן.

**מילי:** ווען די שניצלערס זאָלן אפילו האָבן קינדער, וואָלט זיך קענעט מיט זיי אַלץ איינס ניט געשפּילט. אַזוי, אַז דו האָסט זיך ניט וואָס צו שרעקן.

**דאָקטער:** וואָס איז?

**מילי:** ווייל ער שפּילט זיך מיט קיינעם ניט. (דער דאָקטער שטייט פאַר אַ רעטעניש. ער וואַרט אויף אַ ווייטערדיקער אויפקלערונג). ווען די אַנדערע קינ־דער שפּילן זיך אין באַל, זיי יאָגן זיך, אָדער קאַטשען זיך אויפן גראָז, זיצט קענעט אַליין אויף דער באַנק און רעדט צו זיך אַליין. ווען איך זאָל אים ניט אַריינרופן עסן, וואָלט ער ניט מיד געוואָרן צו ריידן צו דעם גראָבן בוים, וואָס שטייט איבער דער באַנק.

**דאָקטער:** (דערפרייט) דאָס געפעלט מיר גראָד. ער דענקט, ער טראַכט, ער איז פאַרטיפט, ער אַנטוויקלט אין זיך אַן אייגענעם גאַנג אין לעבן, אָן אַ דרויסנדיקן איינפלוס. זייער גוט. אויסגעצייכנט. ער וואַקסט אַ זעלבסטשטענ־דיקער מענטש. (זעצט זיך לעבן זיין ווייב).

**מילי:** אָבער אַ קינד זאָל אפילו ניט אין זינען האָבן קיין עסן?!

**דאָקטער:** (נעמט אירע הענט אין זיינע אַריין און רעדט גוטמוטיק) דו וועסט דאָך צוגעבן, אַז איך האָב אַביסעלע מער דערפאַרונג פון דיר. איך בין טאַקע ניט געווען פון די גאָר בעסטע תלמידים אין אוניווערזיטעט, איך בין אָבער אויך ניט געווען פון די ערגסטע. מיין פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגיע האָט צו מיר אַמאָל אַ זאָג געטאָן: „לעווינסאָן, לויט דיין קאַפּאַציטעט, האָסטו דערגרייכט זייער פיל”. דאָס מיינט זייער אַ סך, ווען עס קומט פון אַזאַ פּראָפעסאָר ווי . . .

**מילי:** איך שפּאָר זיך ניט מיט דיר. איך ווייס אַז דו האָסט געלערנט.

**דאָקטער:** ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי שטאַרק פאַרנומען אין לערנען, האָב איך אויך געקענט חתונה האָבן צו פיר און אפילו צו צוויי און צוואַנציק יאָר, ווי אַ סך אַנדערע יונגעלייט. חתונה האָבן איז ניט קיין גרויסע קונץ, אָבער בילדונג און איינאָרדענען אַן אַנשטענדיקע פּראַקטיק, דאָס, זעסטו, איז שוין אַן אַנדער זאַך. דערפאַר וויל איך אַז אונדזער זון זאָל אַלץ לערנען פון אייגענער דערפאַרונג.

**מילי:** ווי אַזוי דיינקסטו דאָס צו דערגרייכן?

**דאָקטער:** געבן אַ קינד פולשטענדיקע פרייהייט כדי צו אַנטוויקלען זיינע אייגענע געדאַנקען, האַלט איך, איז זייער ראַציאָנאַל.

**מילי:** (דרייט זיך אויס צו אים) ווען אַן אומוויסנדער מענטש זאָל אַזוי ריידן, וואָלט איך פאַרשטאַנען. אָבער אַ מענטש וואָס באַזיצט דריי דיפּלאָמעס פון דריי באַזונדערע אוניווערזיטעטן זאָל אַזוי ריידן, קלינגט דאָס מאָדנע. איך האָב זייער פיל געטראַכט וועגן דעם. איך ווייס נאָך אַלץ ניט, וואָס דו דערוואַרטסט צו דער־גרייכן מיט דיין וועג פון דערציאונג.

**דאָקטער:** (פאַרוואונדערט פון איר אייגענער מיינונג) איך האָב געזען ווי די אַנדערע סטודענטן האָבן זיך אויסגעפירט: זייער לייכטזיניקן בליק צום לער־נען, זייער באַציאונג צו פרויען איז געווען אָפּשטויסנד. דערפאַר האָב איך אַ נדר געטאָן, אַז ווען איך וועל האָבן אַ זון, וועט ער זיין אינגאַנצן אַנדערש.

**מילי:** איך בין טאַקע אַלט געווען צוואַנציק יאָר און דו ביסט אַלט געווען צוויי און דרייסיק ווען מיר האָבן חתונה געהאַט. מיר זיינען אָבער שוין צען יאָר פאַרהייראַט און דאָך, פאַרשטיי איך דיך ניט.

**דאָקטער:** איך וויל אַז מיין זון זאָל ניט האָבן קיין שום רעליגיעז, אָדער נאַציאָנאַלן פאַראורטייל, ער זאָל אויפוואַקסן אַ פרייער, עטישער מענטש. וואָס איז דאָ אַזוי שווער צו פאַרשטיין?

**מילי:** אויב דו מיינסט אַז די וועלט וועט אים באַהאַנדלען אַנדערש, מאַכסטו אַ טעות. ווען קענעט וועט אויפוואַקסן, וועט ער זיך אפילו ניט קענען צוזאַמענ־ריידן מיט זיינע חברים. אָדער, ער וועט אינגאַנצן ניט האָבן קיין חברים. אַלע מענטשן וועלן אין זיינע אויגן אויסזען, ווי ווילד פרעמדע. מיידלעך וועלן לאַכן פון אים. פרויען ווילן אַז מענער זאָלן זיי באַהאַנדלען ווי מענער און ניט אַנדערש. (זי בעט זיך ביי אים) זעסט דען ניט, אַז דער גאַנצער געדאַנק איז, ווי זאָל איך זיך אויסדריקן, אַ נאַרישער פאַרזוך פון איינעם וואָס האָט אַ שטאַרקן שיפלות קאָמפּלעקס, וויל ער דאָס איבערטראָגן אויף זיין אייגענעם זון . . .

**דאָקטער:** (אויפגערעגט פון איר שאַרפער באַמערקונג) נו, גוט, איך האָב אַן אינפעריאָריטעט קאָמפּלעקס. מיינע דיפּלאָמעס זיינען גאָרנישט ווערט. דיין מאַן, דאָקטער לעווינסאָן, איז אַ גרויסער נאַר. אויב דו ביסט שוין אַזאַ חכמה, ווי אַזוי שטעלסטו זיך פאָר זאָל מיין, דאָקטער לעווינסאָנס זון, ווערן דערצויגן?

**מילי:** איך ווייס? . . . איך וואָלט געוואָלט אַז ער זאָל שטיפן און לאַכן. ער זאָל זיין געלערנט. ער זאָל זיך צוזאַמענלעבן מיט מענטשן. ער זאָל ליב האָבן מענטשן. ער זאָל זיך זאָרגן פאַר מענטשן. ער זאָל זיין אַ מענטש. און וועגן יידן: אָט האָסטו געזאָגט אַז איינשטיין און פרויד זיינען . . .

**דאָקטער:** (פאַלט אַריין אין די רייד) איך ווייס, איך ווייס! ווי איך זע, וועט מיין אַרבעט זיין פיל שווערער ווי איך האָב מיר פאַרגעשטעלט. דו ביסט נאָך יונג. ווען דו וועסט עלטער ווערן וועסטו זיך איבערצייגן אַז דיין מאַן איז גערעכט. וועסט זען אַז איך בין גאָרנישט אַזאַ נאַר. (קוקט אַריין אין שפּיגל. פאַרקעמט זיך די האָר מיטן קעמעלע וואָס ער נעמט אַרויס פון זיין בוזעם קעשענע).

**מילי:** איך זאָג דען עפּעס? איך ווייס אַז דו ביסט געלערנטער פון מיר.

**דאָקטער:** (דערנענטערט זיך צו איר) אָט אַזוי רעד. דו וועסט זען אַז אונדזער זון וועט אויסוואַקסן אַ פרייער מענטש, מיט אַן אייגענעם, פרייען ווילן. לאָז דאָס איבער צו מיר. (ער נעמט איר אַרום).

**מילי:** (מיט אַ זיסן שמייכל) איך שטער דיר דען?

**דאָקטער:** (שמייכלט) שטעל דיר פאָר, ווען איך וואָלט מיך ניט אַזוי שטאַרק אָפּגעגעבן מיט מיין שטודיום, וואָלט איך שוין לאַנג געווען חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערע. ווייזט אויס, אַז דער שיקזאַל האָט געוואָלט . . .

(אין דער רגע קומט אַריין קענעט. דער שמועס ווערט איבערגעריסן. מאַן און ווייב דערווייטערן זיך איינער פון צווייטן. אַריינקומענדיק, קוקט זיך קענעט ניט אום אויף טאַטע־מאַמע און גייט גלייך אין צווייטן צימער אַריין. ער האַלט אַ קליין שטעקעלע אין האַנט. דער דאָקטער, דערזעענדיק קענעטן, דערנעענטערט זיך צו אים מיט אַ שמייכל).

**דאָקטער:** דו זעסט גאָרנישט ווער עס איז דאָ אין דער היים?

**קענעט:** האלאָ, פּאַ.

**דאָקטער:** (נעמט אים אַן פאַרן הענטל. זיי גייען) קום אַריין, וועלן מיר זיךביידע אָוועקזעצן ווי צוויי גוטע פריינט. (ער זעצט זיך) דאַכט זיך אַז מיר האָבן אָפּגערעדט אַז דו זאָלסט מיך ניט רופן פּאַ.

**מילי:** (ווישט אים אָרום דאָס פּנים מיט איר טיכעלע און זעצט אים אַוועק לעבן פאָטער) קענעט, דו ווייסט דאָך אַז דיין פּאַ וויל ניט אַז דו זאָלסט אים רופן פּאַ. ער וויל אַז איר זאָלט זיין צוויי פריינט. אַ גרויסער פריינט און אַ קליינער פריינט. (זי זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטול וואו עס ליגט איר שטריקעכץ און נעמט זיך שטריקן).

**קענעט:** יעס, מאַ.

**דאָקטער:** (רוקט זיך צו צו קענעטן. רעדט גוטמוטיק, מיט אַ שמייכל צו זיין פרוי) זעסט, מילי, נאָר מיט גוטן. מיט גוטן וועסט אַלץ דערגרייכן. (צו קענעטן) און וואָס האָט מיין קליינער פריינט געטאָן, ווען דער גרויסער פריינט איז געווען אין אָפיס?

**קענעט:** (קוקט אויפן שטעקעלע וואָס ער האַלט אין דער האַנט) גאָרנישט.

**דאָקטער:** גאָרנישט? פון גאָרנישט ווערט מען לאַנגווייליק. פון גאָרנישט טאָן ווערט מען פויל. מאָרגן וועט מיין קליינער פריינט צוטראַכטן צו טאָן אַזאַ זאַך, וואָס זאָל זיין קאָנסטרוקטיוו און עס זאָל ניט לאַנגווייליקן. (צו מילין) דו פאַרשטייסט, מוטער, איך וויל אַז מיין זון זאָל לערנען פון אייגענער דערפאַרונג.

**קענעט:** איך האָב געלערנט.

**דאָקטער:** זעסט, מוטער, איך האָב דיר געזאָגט אַז מיין זון, איך מיין מיין קליינער פריינט, איז אַ שכלדיקער מענטש. (צו קענעטן) מעג דער גרויסער פריינט וויסן וואָס דער קליינער פריינט האָט געלערנט?

**קענעט:** (קוקט אויפן שטעקעלע) אַ, גאָרנישט.

**דאָקטער:** דאַכט זיך אַז מיר זיינען פריינט. זיינען מיר ניט קיין פריינט? (קענעט ענטפערט ניט) דו קענסט מיר זאָגן. דו ווייסט, איך בין אויך אַמאָל געווען אַזוי קליין ווי דו ביסט, איך האָב זיך אויך געשפּילט אַזוי ווי דו. זאָג מיר, מיין קליינער פריינט, מיט וועמען שפּילט מען זיך דאָ, אַזעלכע פיינע שפּילן? האַ? . . . (קענעט ענטפערט ניט) עס איז ניט שיין אַז אַ יינגעלע ענטפערט ניט, ווען מען רעדט צו אים. שעם זיך ניט. איך בין דאָך דיין פריינט.

**קענעט:** מיט קיינעם ניט.

**דאָקטער:** דאָס איז זייער גוט. זעסט, מוטער, נאָר מיט גוטן. (צו קענעטן) און צו וועמען רעדט דאָס מיין קליינער פריינט, צום בוים?

**קענעט:** יאָ.

**דאָקטער:** אַזוי. צום בוים. וואָס זאָגט דער בוים צו מיין קליינעם פריינט?

**קענעט:** גאָרנישט.

**דאָקטער:** אַהאַ, גאָרנישט. און דאָס שטעקעלע, וואָס פאַר אַ שטעקעלע איז דאָס?

**מילי:** דאָס שטעקעלע לאָזט ער ניט אַרויס פון האַנט, אפילו ווען ער גייט שלאָפן.

**קענעט:** דאָס שטעקעלע איז כישוף.

**דאָקטער:** (ווי אַן אָפּגעבריטער) וואָס?! . . . וואו האָט ער געהערט דאָס וואָרט?!

**מילי:** ווען ער זיצט אויף דער ערד, האַלט ער אין איין צייכענען מיט דעם שטעקעלע אויפן זאַמד.

**דאָקטער:** (קאָנטראָלירט זיין כעס) וואָס צייכנט דאָס מיין קליינער פריינט מיט דעם שטעקעלע אויפן זאַמד? (קענעט ענטפערט ניט) נו, נו, פריינט האָבן ניט קיין סודות. מיר זיינען דאָך פריינט.

**קענעט:** (קוקט אויפן פאָטער פאַרשנדיק) אליהו הנביא.

**דאָקטער:** (גיט זיך אַ שטעל אויף, ווי מען וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן) וואָס?!!!

**מילי:** (וויל פאַסיפיצירן דעם ענין) דאָס איז אַ שפּיל אַזאַ, וואָס ער האָט אַליין אויסגעטראַכט.

**קענעט:** איך האָב דאָס ניט אויסגעטראַכט, מאַ.

**מילי:** קענעט, דאָס איז ניט שיין. ליגן איז ערגער פון אויסטראַכטן אַ מעשה. (צום מאַן) לאָמיר בעסער ריידן פון עפּעס אַנדערש.

**דאָקטער:** (צום ווייב) דו אַליין זאָגסט אַז ער זאָגט ליגן און באַלד זאָגסטו, לאָמיר ריידן וועגן עפּעס אַנדערש. וואָס פאַר אַ דערציאונג קען שוין דאָס זיין? ער קען נאָך אויפוואַקסן ווי . . . (ער פאַרענדיקט ניט).

**מילי:** נו, זאָג שוין, וואָס דו האָסט געוואָלט זאָגן. דו מיינסט צו זאָגן, אַז מיין קענעט וועט זיין אַזאַ ליגנער ווי מיין שוועסטערס . . .

**דאָקטער:** (פאַלט אַריין אין די רייד) פון וואַנען ווייסטו וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן?

**מילי:** ווייל אַלעמאָל וואַרפסטו מיר דאָס פאָר.

**דאָקטער:** אַז דו האָסט שוין יאָ דערמאָנט, וועל איך דיר טאַקע זאָגן: ווען איך וואָלט געווען סילוויאַס פאָטער, וואָלט איך איר אַריבערגעלייגט אויף די קני און אַזוי אַריינגעצימבלט, אַז זי וואָלט פאַרזאָגט אַ צענטן, ניט צו זאָגן קיין ליגן. (מאַכט אַן אָנשטעל אַז ער איז באַרואיקט. צו קענעטן) אָבער מיין קענעט, איך מיין צו זאָגן מיין קליינער פריינט האָט פאַנטאַזיע. ער האָט וויזיע. אמת, דו האָסט דאָס אויסגעטראַכט?

**קענעט:** וואָס?

**דאָקטער:** דאָס וואָס דו האָסט נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט.

**קענעט:** איך האָב ניט אויסגעטראַכט.

**דאָקטער:** (ווערט אין כעס) איך זאָג אַז דו האָסט עס אויסגעטראַכט! האָבן פאַנטאַזיע, האָבן וויזיע, פאַרשטעלן זיך, דאָס זיינען אַלץ גוטע זאַכן. אַלע גרויסע מענטשן האָבן אילוזיעס און פאַנטאַזיעס.

**קענעט:** (מיט פרייד צום פאָטער) דו האָסט אויך פאַנטאַזיע?

**מילי:** (מיט אַ שמייכל) קענעט, עס איז ניט שיין אַזוי צו ריידן, צו אַן איי־געגנעם טאַטן.

**דאָקטער:** יאָ, אָבער גרויסע, קלוגע מענטשן ווייסן אונטערצושיידן צווישן פאַנטאַזיע און ווירקלעכקייט. דו ווילסט דאָך זיין אַ גרויסער מענטש. זאָג, ווי זעט אויס דער, דער, דער . . .

**קענעט:** ער זעט ניט אויס. ער איז ניט גלייך ווי אַלע.

**דאָקטער:** אַזוי. ער איז ניט גלייך, צו גאָרנישט. הע, הע . . . ער מוז זיין אַ געפערלעכער בחור, דער . . .

**קענעט:** ער שרעקט מיך ניט. איך האָב ניט קיין מורא פאַר אים.

**דאָקטער:** דאָס איז זייער גוט. מורא, שרעק זיינען איינגערעדטע זאַכן. זאָג מיר, מיין קליינער פריינט, זעט ער אויס אַלט, יונג? איך וואָלט אויך גע־וואָלט ווי ער זעט אויס.

**קענעט:** אַמאָל זעט ער אויס גרויס און אַמאָל ניט. ווען זיין פנים וואָלט געווען ראַזירט, וואָלט ער אויסגעזען ווי דו.

**דאָקטער:** (בייז) ווי קען ער אויסזען ווי איך, אַז אַמאָל זעט ער אויס אַזוי און אַמאָל אַנדערש. (לאַכט סאַרקאַסטיש. ווענדט זיך צו מילין) דו הערסט, ווען ער וואָלט געווען געגאָלט, וואָלט ער אויסגעזען ווי איך.

**מילי:** וואָס מאַטערסטו דאָס קינד? וואָס האָסטו זיך גענומען אַריינהאַקן די גאַנצע תורה דיינע מיט איין מאָל. לאָז איבער אַביסל אויף אַן אַנדערש מאָל. אַז אַ מאַן האָט ניט וואָס צו טאָן אין אָפיס, איז אַן אומגליק פאַר דער פרוי.

**דאָקטער:** (בייזערט זיך) מען דאַרף דאָך אַמאָל דערגיין ווי אַזוי ער זעט אויס! (צום קינד) וואו האַלטן מיר? . . .

**קענעט:** איך האָב אים ליב. ער האָט מיך אויך ליב.

**דאָקטער:** דאָס איז זייער אַ גרויס וואָרט. ליבע איז אַ גרויסע זאַך. אַזאַ זאַך האַלט מען פאַר אַ פאָטער, פאַר אַ גרויסן פריינט, פאַר אמתע מענטשן.

**קענעט:** ער איז אמת׳דיק, ער איז אַ גוטער.

**מילי:** (מיט אַ שמייכל) וואָס זאָגסטו צו דעם? דו האָסט דאָך שטודירט פסיכאָלאָגיע.

**דאָקטער:** אָלרייט! איך בין משוגע! ווען מיר טאָקע זען וועמענס מעטאָד איז אַ בעסערער. (צו קענעטן) ווען דו קומסט אַריין אין גאָרטן, איז דאָרט קיינער ניטאָ.

**קענעט:** ניין.

**דאָקטער:** דו הייבסט אָן טראַכטן אין דיין קליין קעפעלע וועגן אים, דע־מאָלט קומט ער צוגיין.

**קענעט:** ניין. איך גיב אים אַ צייכן מיט מיין שטעקעלע אויפן בוים. דע־מאָלט קומט ער צוגיין.

**דאָקטער:** עס איז ניט וויכטיק וואו דו גיסט דעם צייכן?

**קענעט:** עס איז יאָ וויכטיק, פּאַפּאַ.

**דאָקטער:** (אויפגערעגט) איך בין עלטער פון דיר! איך האָב מער געלערנט פון דיר! איך האָב מער דערפאַרונג פון דיר! איך זאָג דיר, אַז דער מאַן וועמען דו האָסט אויסגעטראַכט אין דיין קליין קעפּעלע, איז פאַנטאַזיע! פאַרשטייסט?!

**קענעט:** יאָ, פּאַפּאַ

**דאָקטער:** אין דער אמתן איז ער איגאַנצן ניטאָ! דאָס איז אַן איינבילדונג, אַ מיראַזש, אַן אילוזיע, אַ האַליצונאַציע! (קוקט בייז אויף קענעטן) דו הערסט וואָס מען רעדט צו דיר?

**קענעט:** יעס, פּאַפּאַ.

**דאָקטער:** איך וויל אַז דו זאָלסט שוין זאָגן, אַז דאָס איז אַ שפּיל אַזאַ, וואָס דו האָסט אויסגעטראַכט, אַז דו שפּילסט זיך מיט איינעם, אַן אליהו הנביא וואָס, אָט איז ער קליין און אָט איז ער גרויס. אָט איז ער אַלט און אָט איז ער יונג. אַמאָל איז ער שיין און אַמאָל איז ער מיאוס. אַמאָל איז ער אַ מאַן און אַמאָל איז ער אַ פרוי. דאַן, וועט קיינער ניט קענען זאָגן אַז דו ביסט אַ נאַר און דו זאָגסט ליגן. דו אַליין וועסט דעמאָלט קענען אונטערשיידן צווישן חלום אוןווירקלעכקייט. פאַרשטייסט וואָס איך רעד צו דיר?

**קענעט:** פּאַפּאַ, דו מאַכסט אַ טעות. ער איז ניט קיין מיאוסער און איז ניט קיין פרוי. ער שפּילט זיך קיינמאָל ניט מיט מיר. ער איז גוט און איך זאָג ניט קיין ליגן.

**דאָקטער:** דו קענסט אים אָבער ניט זען, ווי דו זעסט מיך. דו קענסט אים אָבער ניט פילן, ווי דו קענסט פילן אין דיין האַנט אַ שטול. מיך קענסטו פילן מיט דיין האַנט. (ער נעמט מיט כעס דעם יינגלס שולטער אין זיין האַנט און דריקט זייער שטאַרק. דאָס קינד דרייט זיך צו באַפרייען. דער פאָטער האַלט אים אָבער שטייף און נעמט אים אַדורך מיט זיין בליק). זאָג, וועלכעס איז פּוסטע, נאַרישע איינריידעניש, און וועלכע איז אמת'דיק? זאָג! . . .

**קענעט:** (גיט זיך אַ רייס אַרויס פון זיין פאָטערס האַנט און לויפט אין דער צווייטער זייט פון זאַל). דער גרויסער פריינט און דער קליינער פריינט!

**דאָקטער:** (שטעלט זיך אויף מיט אַנגעצונדענע אויגן) וואָס גרויסער פריינט און קליינער פריינט?

**קענעט:** גרויסער פריינט און קליינער פריינט איז אַ נאַרעריי, אַ שפּיל! (ער לויפט צו דער מוטער).

**דאָקטער:** אַזוי, אַ נאַרעריי, אַ שפּיל!

**מילי:** (שמייכלט. נעמט אַרום קענעטן) ווי איך זע, האָט שוין אונדזער קענעט אַן אייגענעם קוק אויפן לעבן.

**דאָקטער:** (זייער בייז) איך האָב מיר געשטעלט פאַר אַ ציל אַז איך וועל געבן מיין זון אַלע פרייהייטן, צו לערנען פון זיינע אייגענע דערפאַרונגען. ווי איך זע, האַנדלט ער ווי אַ ווילדער עקשן. ער לאָזט זיך ניט אויפקלערן. ער וויל ניט פאַרשטיין. אַז לאַגיש ריידן העלפט ניט, וועט מען מוזן באַנוצן אַ שטאַרקערן מעטאָד. (דערנעענטערט זיך צו זיי).

**מילי:** (דערשראָקן) דו גייסט אים ניט שלאָגן דערפאַר?

**דאָקטער:** (צו זיין ווייב) דו ביסט שולדיק אין אַלעמען!

**מילי:** שוין, אין אַלץ בין איך שולדיק!

**דאָקטער:** ווער דען איז שולדיק? דו ביסט מיט אים אַ גאַנצן טאָג אין הויז. עס איז אַ מוטערס פליכט אויפצופּאַסן אויף איר קינד.

**מילי:** דו ביסט דאָך דער דערציער.

**דאָקטער:** נו, האָב איך אים אויסגעלערנט צו זיין אַ ליגנער?!

**מילי:** דו מיינסט דאָך ניט צו זאָגן אַז איך האָב אים דאָס אַלץ אויסגעלערנט!

**דאָקטער:** לייג מיר ניט אַריין קיין ווערטער אין מויל אַריין. איך האָב דאָס ניט געזאָגט.

**מילי:** עס קומט אויס אַזוי. (עס איז שטיל אַ ווײַלע) פּריער רעדסטו איין דעם קינד אַז ער זאָל האָבן אַן אייגענע מיינונג, אַז ער זאָל לערנען פון זיין איי-גענער דערפאַרונג. טאָמער זאָגט ער עפּעס וואָס שטימט ניט מיט דיין טעאָריע, כאַפּסטו זיך שלאָגן.

**קענעט:** האָב ניט קיין מורא מאַ, דער פּאַ וועט מיך ניט שלאָגן.

**דאָקטער:** (שטאַרק צערייצט) מיט וואָס ביסטו דאָס אַזוי זיכער?

**קענעט:** אליהו הנביא וועט ניט לאָזן.

**דאָקטער:** ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?

**קענעט:** ער אַליין האָט דאָס מיר געזאָגט.

**דאָקטער:** ער אַליין, מיט זיין אייגן מויל?

**קענעט:** יאָ. און דער זיידע.

**דאָקטער:** דער זיידע? ווען האָט דער זיידע דיר דאָס געזאָגט?

**קענעט:** פּסח. ווען איר האָט מיך איבערגעלאָזן מיט דעם זיידן און מיט דער באָבען און איר זייט געפאָרן קיין אייראָפּע. אליהו הנביא איז אַ גוטער. ער היט אָפּ אַלע גוטע קינדער אַז קיינער זאָל זיין קיין שלעכטס ניט טאָן.

**דאָקטער:** (צו מילין) איצט זעסטו שוין ווער עס איז שולדיק?

**מילי:** אוודאי! דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אונדז געטאָן אַ טובה, זיי האָבן געהאַלטן מיט זיך דאָס קינד, אַז מיר זאָלן קענען פאָרן אויף אַ לוסט-רייזע, האָבן זיי דיר גאָר שלעכטס געטאָן.

**דאָקטער:** אָבער זע וואָס זיי האָבן געמאַכט פון אים.

**מילי:** זיי האָבן אים נעבעך אומגליקלעך געמאַכט. אין די דריי חדשים וואָס מיר זיינען געווען אַוועק, האָט ער צוגענומען אַכט פונט, איז טאַקע שלעכט. (דער דאָקטער איז זייער בייז. ער וויל ניט הערן וואָס זיין ווייב רעדט. ער דערנעענטערט זיך צו זיי, זי ווערט דערשראָקן, זי גיט זיך אַ שטעל אויף).

**מילי:** וועסט ניט שלאָגן דאָס קינד. איך וועל ניט דערלאָזן.

**קענעט:** האָב ניט קיין מורא, מאַ. דער פּאַ וועט מיך ניט שלאָגן.

**דאָקטער:** איינמאָל פאַר אַלעמאָל: איך מוז אים אַרויסשלאָגן די נאַרישקייט פון זיין קאָפּ. איך וועל מאַכן אַ סוף צו די נאַרישע אַבערגלויבנס. (ער גיט אַ כאַפּ אַרויס דאָס שטעקעלע פון דעם קינדס האַנט). איך וועל אים געבן אַ לעק-ציע אין דערפאַרונג. (שמייכלט בייז) אין איין וועגס וועלן מיר טאַקע זען, צי זיין נאַרישע פאַנטאַזיע וועט אים באַשיצן.

ער גיט אַ כאַפּ קענעטן פאַרן הענטל און שלעפּט אים צו אַ שטול. אין דער

רגע קלינגט דאָס גלעקל פון דער טיר. דער דאָקטער הערט ניט. מילי איז צעטומלט. זי לויפט עפענען די טיר. עס גיט אַ קום אַריין דער אַלטער מיסטער שניצלער. ער גייט גלייך אַריין אין מיטן דער סאַלע. דערזענעדיק ווי דער דאָקטער האַלט קענעטן מיט איין האַנט און אין דער צווייטער האַנט האַלט ער דאָס שטעקעלע אין דער לופטן, בלייבט ער שטיין פאַרוואונדערט. ער רופט אויס צום דאָקטער, ווי ער וואָלט אים געזאָגט מוסר:

**שניצלער: דאָקטער לעווינסאָן, דאָס האָב איך ניט דערוואַרט! איך בין געקומען אַז איר זאָלט מיר אַרויסרייסן אַ צאָן, און וואָס זע איך? . . . שעמען מעגט איר זיך! שלאָגן אַ קינד?! אַן אייגן קינד שלאָגן! . . .**

אין דער צייט וואָס שניצלער האָט גערעדט, איז מילי געשטאַנען אין אַ ווינקל, ניט ווייט פון דער טיר. דער דאָקטער לאָזט אָפּ דאָס קינד פאַרשעמט. ער וואַרפט אַוועק דאָס שטעקעלע, וועלכעס קענעט כאַפּט עס גלייך און לויפט צו דער מוטער. זי גלעט אים דאָס קעפּל. מיסטער שניצלער שטייט אין מיטן צימער. מיט איין האַנט האַלט ער זיך ביי דער באַק און אין דער צווייטער האַנט האַלט ער זיין דוירבי. זיינע גרויע האָר זיינען דייער שיין פאַרקעמט. זיין צו־געשוירן בערדל און זיינע האַלב גרויען וואָנסן, מאַכן אים אויסזען, ווי אַ דיי־טשישער ראַבינער.

דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער.

סוף.

# ה. רויזענבלאַט
## ביאָ־ביבליאָגראַפישע שטריכן
### פון יצחקי

ה. רויזענבלאַט איז געבוירן דעם 15טן מאַי 1878. זיין זיידע אלחנן ניסן רויזענבלאַט איז געווען אַ פאַרמעגלעכער און אָנגעזעענער פּאָסעסאָר. צוליב די צאַרישע גזירות איז ער אויף דער עלטער געוואָרן אַן אַרענדאַר און אַ מילנער. ער האָט געוואוינט אין גרויס־דאָרף ריסאשע, לעבן קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. צבי הירש, רויזענבלאַטס פאָטער, איז געווען אַ ייד אַ גבר, און האָט געצויגן זיין שטיקל חיונה פון די צוויי געדונגענע מילן. די מוטער זיינע האָט געהייסן דאָבריש, איז געווען אַ ווילקענעוודיקע, געקענט שרייבן און רעכענען, און געווען אַ גרויסע בריה. זי האָט געעפנט אַ קרעמל און צוגעהאָלפן אין דער פּרנסה.

עס זיינען אָנגעקומען די אַכציקער יאָרן מיט זייערע פּורעניות און גזירות און האָבן אַרויסגעריסן יידן פון דאָרף. דער זיידע, אַ ייד אין די אַכציקער, איז דאַן געשטאָרבן, און צבי־הירש רויזענבלאַט און זיין הויז־געזינט האָבן זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין זוכן גליק. נאָך אַ יאָר אַרומשלעפּעניש, זיינען זיי ענדלעך אָנגעקומען קיין ניו יאָרק.

די דאָזיקע רייזע האָט אויפן צוועלף־יאָריקן חיימלען געמאַכט אַן אומגע־

הויערן איינדרוק, און ער האָט זי מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער מייסטער־האַפט באַשריבן אין זיינע „הרודעס".

נאָך אַלס יינגל פון 13 יאָר איז ער שוין געצוווּנגען געווען צו גיין אַרבעטן אין אַ שוויצשאַפּ. אַ שטיקל צייט געלערנט זיך אין „באַראָן דע הירש סקול" שילדן־מאַלעריי; נאָכדעם אָנגעקומען אין די "פּרעפּעריטאַרי סקול" זיך צוגרייטן אַריינצוקומען אין דעם „דזשעמייקע נאָרמאַל קאַלעדזש", צו לערנען פאַר אַן ענג־לישן לערער. ער האָט זיך געקראָגן אַ ציימונגס־"טעריטאָריע" און יעדן טאָג, פון פיר פאַרטאָג ביז אַכט אין דער פרי, איז ער אַרומגעלאָפן און האָט צעטיילט זיינע ציימונגען, און דערנאָך אַוועק אין „נאָרמאַל קאַלעדזש" לערנען.

קיין ענגלישער לערער איז ער ניט געוואָרן. ער האָט זיך אָבער אָנגעהויבן פאַרטיפן אין דער ענגלישער ליטעראַטור, בעיקר אין דער פּאָעזיע. אין דער שטיל הייבט ער אָן שרייבן יידישע לידער. דיכטעריש ווערט ער באַווירקט פון מ. ראָזענפעלד און יהואש.

זיין ערשטער רעדאַקטאָר, משה קאַטץ, האָט אין יאַנואַר 1900 אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס" זיינע ערשטע צוויי לידער. (אין זיין בוך „אין שענצטן טאָג פון האַרבסט", ווידמעט ער מ. קאַצן אַ ליד א.ט. „הירשל ווערט נתגלה".)

צען יאָר שפּעטער (1910) אין פאַרלאַג „יידישע ביבליאָטעק", דערשיינט זיין ערשט בוך לידער, 112 ז. בראַשורט.

זיין צווייטער בוך, „געדיכטע און לידער", דערשיינט אין 1915, פאַרלאַג מאַקס נ. מייזל, 320 ז. מיט צוויי יאָר שפּעטער דערשיינט אַ צווייטע אויפלאַגע.

אין 1919 דערשיינט זיין דריט בוך, „אונטער גאָטס הימלען" אַרויסגעגעבן פון דעם שלום־עליכם צווייג, נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, דעטראָיט, מישיגען. אַ צווייטע אויפלאַגע אַרויסגעגעבן דורך מ. נ. מייזלס פאַרלאַג, ניו יאָרק.

„בלויע פלאַמען" ווערט שוין אַרויסגעגעבן אין לאָס אַנגעלעס, פון אַ גרופּע פריינט, צום 25־יאָריקן שאַפן פון ה. רויזענבלאַט. יאָר 1925, 157 ז. „הרודעס", אַרויסגעגעבן פון לאָס אַנגעלעסער קולטור־געזעלשאַפט, אין וועלכער דער דיכטער איז געווען אַ חשובער מיטגליד. 1930, 152 ז.

דאָס בוך „ליים" איז א המשך פון „הרודעס", אַרויסגעגעבן פון דער ל. א. קולטור געזעלשאַפט, 1935, 136 ז.

„בעבזיק", אַרויסגעגעבן פון צענטראַל קאָמיטעט פון די יידישע פאָלק־שולן מיט דער מיטהילף פון אַ גרופּע פריינט פון לאָס אַנגעלעס, 1940, 160 ז.

„מיין ליכטיקע נסיעה", אַרויסגעגעבן פון ה. רויזענבלאַט בוך־קאָמיטעט, דורכן פאַרלאַג ל. מ. שטיין ע"ה אין שיקאַגע, מיט דער מיטהילף פון ל. א. פריינט, 1944, 170 ז.

„אדמס קינדער", ה. רויזענבלאַט בוך־קאָמיטעט, דורכן פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגע, 1944, 126 ז.

„אין שאָטן פון מיין בוים", אַרויסגעגעבן פון ה. רויזענבלאַט בוך־קאָמיטעט, לאָס אנגעלעס, קאַליפ., 1948, 174 ז.

„אין שענצטן טאָג פון האַרבסט", ה. רויזענבלאַט יובל־קאָמיטעט, צום דיכ־טערס פינף און זיבעציקסטן געבוירן־יאָר, לאָס אַנגעלעס, קאַליפ., 1953, 208 ז. סך־הכל — 10 ביכער, דאָס עלפטע בוך, וואָס דער דיכטער האָט פאַרגרייט

צום דרוק, האָט ער, צום גרויסן באַדויערן, ניט דערלעבט דעם נחת צו זען עס דערשיינען.

איבער אָט די אַלע דערמאָנטע ביכער זיינע זיינען דערשינען קריטישע אָפּהאַנדלונגען, רעצענזיעס אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן בכל תפוצות ישראל.

צום זיבעציקסטן געבוירנטאָג פון ה. רויזענבלאַט איז דערשינען אַ ה. רויזענבלאַט יובל־בוך, מיט קריטישע אָפּהאַנדלונגען, ווידמונגען, כאַראַקטער־שטריכן און לידער, פון די ווייטערע דיכטער, קריטיקער און עסייאיסטן: ישראל אָסמאַן, מנחם באָריישא, ה. גאלדאווסקי, שפרה ווייס ע"ה, און זיי צו לאַנגע יאָר: ה. לייוויק, מענדל עלקין, ד"ר א. מוקדוני, ל. פיינבערג, ג. ב. מינקאָוו, מאיר זימל טקאטש, א. לעיעלעס, מאטעס דייטש, יואל ענטין, מלכה טוזמאן, יעקב גלאַטשטיין, ברכה קודלי, נחמיה קליין, אסתר שומיאַטשער, ש. קארפמאן, ש. מיללער און יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט.

אויך באַגריסונגען פון אַ צאָל קולטור־אינסטיטוציעס, לאָקאל און נאַציאָנאַל.

צו רויזענבלאַטס לידער איז געשאַפן געוואָרן מוזיק פון אַ צאָל קאָמפּאָזיטאָרן, און זיינע לידער ווערן געזונגען צו פאַרשיידענע פאָלקס צוזאַמענקונפטן, יום־טובים, און אויף דער ראַדיאָ.

1) „איידא נו, צוריק אין חדר". מוזיק: י. פּיראָזשניקאָוו.
2) „וואַנדער איך אַליין". מוזיק: מיכל געלבאַרט.
3) „לאָמיר זינגען". מוזיק: מיכל געלבאַרט.
4) „דאָן און דאָניאַ". מוזיק: מיכל געלבאַרט.
5) „וואַנדער איך אַליין". מוזיק: סאלאמאן גאלוב (פאַר כאָר).
6) „אָונט געבאָט". מוזיק: סאלאמאן גאלוב.
7) „גאָט פון אברהם" (באבעניו). מוזיק: סאלאמאן גאלוב.
8) „שלום־עליכם מלאכי השלום". מוזיק: סאלאמאן גאלוב.
9) „איך בין אַ ביסל גרוי". מוזיק: פּאול לעמקאָף.
רעקאָרד פון סידאָר בעלאַרסקי.
10) „דאָס אוקראַיניש פּאַסטוך־ליד" מוזיק פאול־ לעמקאָף.
11) „אַ שלאָף־ליד" (מאַמע, מאַמע, איך קען ניט שלאָפן). מוזיק: ס. גאלוב.
12) „דער קו־קו זייגער". מוזיק: פאול לעמקאָף.
13) „אין געיעג" (געקומען איז אַ פייגעלע). מוזיק: קאַפּלאַן.
14) „מיר שמידן דעם חבר פאַרבאַנד" (הימן פון נאַציאָנאַלן ארב. פאַרבאַנד). מוזיק: לעאָ ליאָוו.
15) „דאָס געזאַנג פון די העקער". קאַנטאַטע מוזיק: קאָוען. באַאַרבעט פון י. וויינשטאָק.
16) „תם מה הוא אומר". מוזיק: פאול לעמקאָף.
17) „זאָל זיין שבת" (באָבעניו). מוזיק: שלום סעקונדע. געזונגען פון משה אוישער.
18) „פרילינג גלעקלעך" (קינדער־ליד). מוזיק: פריימאַן.

די מערסטע אויבנדערמאָנטע לידער ווערן געזונגען פון דער באַקאַנטער באַלאַדיסטין, פייגעלע פּאַניץ.

רעדאַקטירט צייטונגען און זשורנאַלן:

„דעטראָיטער וואָכנבלאַט", פון 1916 ביז 1917.

"פאַסיפיק": דריי־חודשלעכער זשורנאַל, מיט אַ קאָלעגיום פון ש. מיללער, ה. גאָלדאָווסקי, און שלמה שניידער. דערשינען פיר נומערן, 1929.

„אונדזער וואָרט", חודשלעכע אויסגאַבע, אַרויסגעגעבן פון ל. א. יידישן קולטור קלוב: מערץ, אַפּריל, מאַי און יוני, 1939, מיט אַ קאָלעגיום פון ה. גאָלד און י. פרידלאַנד.

„קאַליפאָרניער יידישע שטימע" (וואָכנבלאַט), פון 1941 ביז 1942.

די מערסטע חשובסטע און סאָלידע זשורנאַלן: "צוקונפט", „גאָלדענע קייט" (ישראל), „פרייע אַרבעטער שטימע". די יום־טוב זשורנאַלן פון „יידישער קעמפער" האָבן כסדר געדרוקט גרעסערע ציקלען פון רויזענבלאַטס לידער און פּאָעמען. אין לעצטן יובל־נומער פון „יידישער קעמפער" האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט: „פּופּציק יאָר יידישע פּאָעזיע אין אַמעריקע". ווי די רע־אַקציע פון „קעמפער" גיט איבער, ליגט נאָך ביי זיי דער צווייטער טייל פון זיין אַרבעט וועגן "יידיש־אַמעריקאַנער פּאָעזיע", און ווי זיי זאָגן צו וועט דער המשך זיין געדרוקט אין קומענדיקן ראש־השנה נומער.

אין אַלע ביז איצט דערשינענע נומערן „חשבון" האָט ה. רויזענבלאַט אין יעדן נומער זיך באַטייליקט מיט אַ ליד אָדער אַן עסיי. אין ערשטן נומער „חשבון" האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין גרעסערע פּאָעמע: "צום ווילדן מערב זינג איך". אין נומער צוויי, אַן עסיי: „דער גלגל החוזר פון יידישער דערציאונג". אין נומער דריי, האָט ער געווידמעט אַ ליד זיין באַגעטן פריינט און פען־קאָלעגע, דוד פּינסקי, צו זיין אַכציקסטן געבוירן־טאָג: „דוד פּינסקי דער גלויביקער". ער שטרעקט אויס אַ חברשע האַנט און גיט אים אַ ברכה:

ווער עלטער און עלטער און — עלטער.
נאָר, היט זיך, מייד אויס ווערן אַלט!
אין רייפקייט פון יאָרן אַנטפּלעקט זיך
גאָטס פּנים אין מענטשנס געשטאַלט.

און פאַרענדיקט:

דאָ האָסטו מיין האַנט און מיין ברכה —
ס'איז גרינגער צו שפּאַנען אין צוויין.
דער וועג איז נאָך ווייט . . . און אין גבעון
וועט לאַנג נאָך די זון ניט פאַרגיין . . .

אין נומער 4, דרוקט ער אָפּ זיינע אַ פּאָעמע: „סאַן־פראַנציסקא ביינאַכט".

אין נומער פינף, "חשבון", לכבוד דעם הונדערט־יאָריקן יובל פון יידן אין קאַליפאָרניע, פאַרעפנטלעכט ער זיין פּאָעמע: „אָאַזיס".

אין נומער זעקס, דרוקט ער אָפּ זיינע אַ פאַרטיפטע עסיי א.ט. „אין שאָטן פון עץ החיים".

אין לעצטען נומער זיבן „חשבון" האָט ער אונדז מזכה געווען מיט צוויי

פּרעכטיקע לידער, פון זיין נייעם, נאָך ניט־געדרוקטן, בוך: „הגר" און „שניי חלומות".

די נומערן 1 און 2 „חשבון" האָט ה. רויזענבלאַט מיטרעדאַקטירט.

(די דאַטן און פּרטים צו דער ביאָ־ביבליאָגראַפיע פון ה. רויזענבלאַט זיינען טיילווייז געבראַכט געוואָרן פון זלמן רייזנס לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פון רויזענבלאַטס יובל־בוך און פון די זשורנאַלן „חשבון", הגם, צוליב טעכנישע שוועריקייטן, זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן דאַטן און נעמען פון קריטישע אָפּהאַנדלונגען און רעצענזיעס, ווי אויך פילע עסייען און ליטעראַריש קריטישע אַרטיקלען וואָס דער דיכטער האָט דורך די יאָרן געשאַפן. — יצחקי).

---



# בצלאל מלחי

באַוואוסטער סקולפּטאר און מאלער, געלערנט אין דער בצלאל שולע אין ירושלים, געלעבט און געשאַפן אַ צייט לאַנג אין מאָנטרעאל, קאנאדע; די לעצטע פּאָר יאָר איז ער אַ תושב אין לאָס אַנגעלעס.

די סטאַטוע „וואוהין" (האָלץ־שניט) איז אין אָריגינאַל 8 פוס די הויך, און געפינט זיך אין מאָנטרעאלער פאָלקס־ביבליאָטעק.

**א. באביטש**

# ה. רויזנבלאַט, דער מכנים אורח

אין אָפּיס פון פאַרבאַנד איז איבערגעבליבן אַ קעסטל מיט בריוו פון דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס רויזענבלאַט האָט געפירט דורך דער צייט וואָס ער האָט מיט מיר צוזאַמען געאַרבעט אין לאָס אַנגעלעס אַלס קולטור דירעקטאָר פון פאַרבאַנד. דאָס איז געווען מיט אַ צען צוועלף יאָר צוריק. איך ווייס ניט פאַרוואָס ער האָט די דאָזיקע בריוו קיינמאָל ניט גענומען צו זיך אַהיים. איך האָב זיי איצט געפונען און איבערגעגעבן צו חברה מלכה רויזענבלאַט. אַ חוץ אַט דעם קליינעם פּעקל בריוו, בין איך זיכער, אַז אין זיין אַרכיוו איז דאָ אַ גרויסע צאָל בריוו, צו אים און פון אים, פון אַ גרויסער צאָל וויכטיקע שרייבער און פּערזענלעכקייטן.

ס׳וואָלט געווען ראַטזאַם, אַז די דאָזיקע בריוו זאָלן ניט פאַרלוירן גיין, אַז זיינע פריינט און יורשים זאָלן געפינען אַ וועג ווי אַזוי זיי צו פאַרעפנטלעכן. בריוו פון אַזאַ כאַראַקטער וואָלט געווען אַ שיינער בייטראָג צו דער יידישער ליטעראַטור און זיי וואָלטן אַרויסגעבראַכט די רויזנבלאַט פערזענלעכקייט פּונקט ווי עס איז געטון געוואָרן נאָכן טויט פון פילע פון אונדזערע פאַרשטאָרבענע גרויסע דיכטער.

ווען מען לייענט איצט די בריוו זענען אַלע בריוו זייער אינטערעסאַנט, זיי שפּרודלען מיט חכמה, גוטסקייט און לייכטן הומאָר. די גרעסטע צאָל בריוו זענען ענטפערס צו שרייבער, וועלכע ווילן באַזוכן לאָס אַנגעלעס. אַזעלכע בריוו האָט ער געקראָגן פון דער גאַנצער וועלט, פילע שרייבער זיינען געווען אונטערן איינדרוק, אַז ווען ער זאָל נאָר וועלן, קען ער זיי ברענגען אין „זיין לאָס אַנ־געלעס”. אָבער ברענגען אַ שרייבער קיין לאָס אַנגעלעס איז אַ גרויסע פינאַנ־ציעלע אחריות, און דאָ אין שטאָט האָט ער ניט אַלעמאָל געקראָגן די געהעריקע קאָאָפּעראַציע מצד אונדזערע קולטור טוער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַריבערברענגען אַהער אַ שרייבער. אין די דאָזיקע בריוו קען מען זען וויפל האַרץ ווייטאָק און עגמת־נפש מען האָט אים פאַרשאַפט ווען ער האָט געפילט אַז מען דאַרף ברענגען אַהער אַ געוויסן שרייבער און דער אָפּרוף איז געווען אַ קאַלטער. וויפל מאָל האָט ער מיך און אַנדערע גערופן שפּעט ביינאַכט, נאָך אַ זיצונג, וועגן אַ בריוו וואָס ער האָט באַקומען פון אַ דיכטער, איבערהויפּט די לעצטע יאָרן, ווען אַ סך פון די פּליטים שרייבער זיינען געקומען אַהער און ער האָט געפילט אַ געוויסע אחריות צו זיי.

עס האָט אים פאַרשאַפט ניט ווייניקער עגמת־נפש, ווען אַ שרייבער איז שוין דאָ געקומען און ער האָט געפילט אַז מען האָט אים ניט אויפגענומען ווי געהעריק. ער האָט עס פיל מאָל אָנגענומען ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג. איניקע פון די פּליטים דיכטער האָט ער ניט בלויז געהאָלפן קומען אַהער, נאָר זיי האָבן זיך אויך באַנוצט מיט זיין היים.

ה. רויזנבלאַט פלעגט ביים פאַרשטעלן אַ גאַסט אָפט דערציילן, אויף זיין הומאָרפולן שטייגער וועגן אורחים, וואָס זיין טאַטע אָדער זיידע פלעגן ברענגען

אַהיים אויף שבת. צווישן די דאָזיקע אורחים זיינען געווען פאַרשידענע טשי־קאַווע פּאַרשוינען. אַט די אורחים זיינען ביי זיי אין הויז אויפגענומען געוואָרן מיט כבוד און דרך ארץ. אַט דידאָזיקע ליבע און אַכטונג צו אורחים, ווייזט אויס, איז אים איבערגעבליבן פון זיין קינדהייט, ביזן לעצטן טאָג. די טעג וואָס אַ גאַסט שרייבער האָט געדאַרפט קומען, זיינען ביי אים געווען טעג פון יום־טוב, און ווען דער גאַסט איז שוין דאָ געווען, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַר־פוצטער, אַ שטראַלנדיקער, אַזוי ווי די שכינה וואָלט אויף אים גערוט. ער האָט אַ סך מאָל אויפגעגעבן די רוטין פון זיין טעגלעכער אַרבעט, און זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן מיטן גאַסט.

אפילו די גאָר לעצטע טעג פון זיין לעבן, ווען ער איז שוין געווען גאַנץ שוואַך, אויך ווען ער איז געווען אין שפּיטאָל, האָט ער גערופן פון דאָרט צו מאַכן זיכער וועגן חיים גראַדעס באַזוך. איך בין זיכער, אַז זיין מתעסק זיין זיך מיטן ברענגען שרייבער אַהער, האָט היפּשלעך אונטערגעגראָבן זיין געזונט, ווייל יעדער גאַסט איז אויך געווען זיין פּערזענלעכער גאַסט. און ס'האָט אים פּערזענלעך אַנגעריִרט, ווען מען האָט דעם גאַסט, אין זיין לאָס אַנגעלעס, ניט אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כבוד, כאָטש זיין אייגענעם פּערזענלעכן כבוד האָט ער גראַדע ניט אַזוי שטאַרק געשאַנעוועט.

ווער וועט איצט פאַרנעמען זיין אָרט?

נ. ב. אין היינטיקן נומער „חשבון", פּונקט ווי אין פילע אַנדערע זשור־נאַלן און צייטונגען, ווערט געשריבן וועגן רויזנבלאַט, דעם שאַפער פון 11 בענ־דער פּאָעזיע. איך האָב געפילט, אַז די אויבערשטע שורות, קאָנען אַביסעלע דערגאַנצן די רויזנבלאַט־פּערזענלעכקייט.

---

יצחק ניומאַן

# מחשבות און רעיונות וועגן נשמה

אין דער קעניגרייך פון מחשבות און רעיונות וואו אַלע וועלט דענקער, וועלכע זיינען זיך מתעסק מיט פּראָבלעמען פון גאָט, מענטש און קאָסמאָס, פאַר־נעמען די געדאַנקען וועגן נשמה דעם סאַמע אויבן־אָן. דער גאַנצער סדר־העולם פון וועלט פּראָגרעס, אַלע געזעצן און הלכות, אַלע עטיקס זיינען גע־בונדן צום באַגריף נשמה, וואָס איז גאַנץ קאָמפּליצירט און פאַרשיידנאַרטיק. די ריזן פון יידישן אינטעלעקט מאַטערן זיך נאָך אַלץ צו געפינען אַ גוטע דעפיניציע, אַן עקוויוואַלענט פאַר דעם באַדייט פון וואָרט נשמה. קיין פּאָזי־טיווער ענטפער איז ניט געפונען געוואָרן, אָבער עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סך קלוגע געדאַנקען, וואָס זיינען ווערט אַן ערנסטע באַטראַכטונג. די פראַגע — וואָס איז נשמה? איז השארת הנפש אַ רעליגיעזע דאָגמע? און קען מען עס לאָגיש באַגרינדן?

אַז דער באַדייט פון וואָרט נשמה מיינט אַ סך זאַכן און האָט פיל אויס־טייטשונגען, און אַז נשמה איז אומשטערבלעך, דאָס וועלן מיר זען פון ווי־

טערדיקע דערקלערונגען. אָבער אַז נשמה איז אַ העכער וועזן, אַ געטלעכע זאַך, וועגן דעם קאָנען אַלע מסכים זיין מיט דעם ספרי במדבר שו׳ וואָס זאָגט: „דער מענטש שטייט נאָענט צו גאָט, ער איז אין זיין געשטאַלט. דאָס שטעלט אים אַוועק העכער פון אנדערע באַשעפענישן. די נשמה זיינע אינספּירירט אים מיט אידייען און וויסן אויסצוקלייבן וואָס גוט און אויסמיידן וואָס שלעכט איז״.

די גמרא אין ברכות (י״א) פאַרגלייכט די נשמה צו דער געטלעכקייט מיט די ווערטער: „אַזוי ווי גאָט איז אין דער גאַנצער וועלט, אַזוי איז די נשמה אין גאַנצן קערפּער. אזוי ווי גאָט זעט און קאָן ניט געזען ווערן, אַזוי אויך די נשמה. אַזוי ווי קיינער ווייסט ניט דעם אָרט פון גאָט, אַזוי ווייסט קיינער ניט דעם אָרט פון דער נשמה — ווייל דעם מענטשנס נשמה איז פון הימל און דער גוף איז פון דער ערד . . .

אין די כתבי קודש זעען מיר די באַדייטונג פון וואָרט נשמה אונטער פאַר־שיידענע וואַריאַציעס און אויסטייטשונגען, אָבער אַלע פירן צום אָריגינעלן מיין פון וואָרט נשמה, אַזוי למשל אין חומש בראשית ב׳ ווערט געזאָגט: „ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש „ויפח בעפיו נשמת חיים״ (און ער האָט אַריינ־געבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַן אָטעם פון לעבן). אין משלי כ׳ ווערט געזאָגט: „נר יי׳ נשמת אדם״ (גאָטס ליכט איז די נשמה פון מענטש). אויך אין חומש בראשית ל״ה, ביי רחל: „ויהי בצאת נפשה כי מתה״ (און עס איז געווען ווען איר נפש איז אַרויס ווייל זי איז געשטאָרבן). אויך האָבן מיר אַ חוץ אָטעם, ליכט, נפש, אויך דעם נאָמען רוח פאַר נשמה, אין קהלת י״ב: „ורוח תשוב אל אלהים״ (ווען דער מענטש שטאַרבט, גייט דער רוח צוריק צו גאָט) . . .

אויך האַרץ אידענטיפיצירט זיך מיט נשמה. עס איז באַוואוסט דער מאמר פון תנא ר׳ עקיבא וואָס האָט געלערנט: „זאָלסט בעטן צו גאָט מיט האַרץ און נשמה״.

אַ פאָלקסטימלעכע קאָנצעפּציע מכוח נשמה אין שייכות מיט האַרץ גע־פינען מיר ביי י. ל. פּרץ אין זיין דערציילונג „יוחנן וואַסער טרעגער און דער אורח חיים״. פּרץ שילדערט פאַר אונדז דעם גרויסן למדן, דעם מרא דאתרא, און דעם פרומען יידן. דער אורח חיים, ווי ער דינט גאָט מיט מוח, מיט קאָפּ, מחמת אַ דין איז קאַלט און טרוקן, ווייל אין הלכה איז „אין רחמים בדין״. ווידער יוחנן וואַסער־טרעגער, דער פּראָסטער אָבער ערלעכער און פשוטער תם, מיט זיינע גראָבע טרעגערישע הענט וואָס איז משמש די לערנער אין בית המדרש מיט אַ קאַלטן טרונק וואַסער, ער דינט גאָט מיט אַ וואַרעם האַרץ פון רחמים מיטן געפיל, דערפאַר איז דאָס ביי גאָט מער אָנגעלייגט און ליבער ווי דער אורח חיים מיט זיינע כוונות אין מוח. און פּרץ ציט ווייטער די געדאַנקען: צוויי וועגן פירן צו זיין ליבן נאָמען — וואָס איז די נשמה פון דער וועלט, איינער פון זיי איז דער שכל און דער צווייטער דער וועג פון האַרץ . . . על פי טבע ווערט אַ מענטש געהויבן נאָר דורך שכל, אָבער צו אַ גאָר הויכער מדרגה קומט אַ מענטש דורך האַרץ, ווען עס ברענט דאָרט דער פייער פון ליבע צום בורא עולם . . . און אַשרי — „וואויל איז דעם מענטשן וואָס גייט איןביידע וועגן״ . . . הגם פּרץ דערקלערט ניט דייטלעך וואָס איז נשמה, באַמערקט ער אָבער, אַז גאָט מיינט די נשמה פון דער וועלט, און אַלץ וואָס איז געטלעך

רופט ער אָן נשמה, און עס איז כולל בײדע — דעם מוח און די האַרץ, אָבער רחמים פון האַרץ שטײט העכער װי די כװנה פון מוח.

אַ גאָר עקזאַלטירטער נשמה באַגריף װאָס רעדט װעגן אַ געטלעכן געשטאַלט און רופט אָן נשמה אַ זינגענדיק האַרץ, געפינען מיר בײם בעל שם, װי עס גיט איבער ש. צ. זעצער אין זײן בוך ר׳ ישראל בעל שם זײט (רמא). דער בעל שם זאָגט: „מיר זעען זאַכן װאָס האָבן ניט קײן װירקלעכע עקזיסטענץ, װאָס זײנען ניט מער װי אױגן פאַרבלענדעניש, און מען זעט ניט דאָס װירקלעכע אמתע לעבן, דער מענטש דאַרף ארומגײן תמיד מיט אַ בענקענדיקער און זינגענדיקער נשמה. מענטשן זעען ניט די געטלעכע געשטאַלט װאָס געפינט זיך אומעטום, און נאָר יחידי סגולה זײנען געבענטשט מיט ליכטיקע אױגן און אָפענע אױערן צו זען און צו הערן די גאָטהײט װאָס פילט אָן נשמה מיט פרײד און געזאַנג״.

גרױס געװיכט האָבן די חכמים געלײגט אױף דעם ענין נשמה אין שײכות מיט השארת הנפש, די אומשטערבלעכקײט פון דער נשמה, הגם אין דער תורה איז דער ענין ניט דערמאָנט. דערפאַר איז אין די נביאים און אין כתובים פיל געזאָגט װעגן דעם געדאַנק. פון דער גמרא איז אָפּגערעדט: די מחלוקה צװישן די צדוקים און די פּרושים איז באַװאוסט. די צדוקים װאָס האָבן ניט אנערקענט די אױטאָריטעט פון דער תורה שבעל פּה האָבן געהאַלטן, אַז װען אַ מענטש שטאַרבט, איז עס זײן סוף; די פּרושים װידער האָבן זיך געשטיצט אױף די פסוקים פון די נביאים און כתובים, האָבן יאָ געגלױבט אין השארת הנפש, די אומשטערבלעכקײט פון דער נשמה.

װעגן גלױבן אין השארת הנפש געפינען מיר אין ספר שמואל (א׳-כא׳): שאול המלך האָט אַרױסגערופן דעם גײסט פון פאַרשטאָרבענעם שמואל הנביא. דאָס באַװײזט אַז דער גלױבן איז געװען אָנגענומען, אַז דעם פאַרשטאָרבענעמס נשמה עקסיסטירט אפילו נאָכן טױט. אױך אין ספר תהלים (קטז׳), „איך װעל גײן פאַר גאָט אין די לענדער פון לעבן״, און אין קאַפּ. (טו׳) „װעסט ניט פאַרלאָזן מײן נשמה צו דער גרוב״. דאָ רעדט זיך קלאָר פון אײביקײט פון דער נשמה. אױך אין ספר דניאל (יב׳) „און פיל פון די װאָס שלאָפן אין דער ערד, װעלן אױפװאַכן צום אײביקן לעבן״. און אין קהלת (ג׳) „װער װײסט דעם גײסט פון מענטשן װאָס גײט אַרױף אין די הױכן״. עס זאָגט זיך גײסט און מײנט נשמה. און װײטער אין קאַפּ. (יב׳) „די אַש צו דער ערד, און דער גײסט פון מענטשן צו גאָט״.

די חכמי התלמוד האָבן באַטראַכט שלאָף פאַר אַ געװיסער מאָס טױט, און די מאָרגן דערװאַכונג פון שלאָף אַלס אַ רמז פאַר אומשטערבלעכקײט פון דער נשמה. די פאָלגנדע מאָרגן-תפילה גיט אױסדרוק צום דאָזיקן געדאַנק, מיר געפינען עס אין ברכות (א-ב): די געטלעכע נשמה, װאָס דו האָסט מיר געגעבן, איז אַ רײנע, האָסט זי אַרײנגעשאַפן אין מיר, האָסט זי אַרײנגעבלאָזן אין מיר און האָסט זי אָפּגעהיט אין מיר. אַזױ לאַנג װי די נשמה איז אין מיר, לױב איך דיר, הערשער פון אלע װעלטן, האַר פון אַלע נשמות . . .

אַ גוטן בײשפּיל װי די אומשטערבלעכקײט פון דער נשמה איז געװען דער אױסדרוק פון גלױבן, װאָס רעדט אױף אַ רעאַלן אופן מיט באַשטימטע טער־

מינען, זעען מיר אין כוזרי חלק ג׳: „כי אין מותך, כי אם כלות הגוף בלבד״ (ווייל דיין טויט איז נאָר די פאַרניכטונג פון גוף) . . . נאָך קלאָרער ברענגט ר׳ יהודה הלוי אַרויס אין זיינס אַ ליד: „כי יום תנומתי תהיה תקומתי״ (דער טאָג פון מיין דרימלען, וועט זיין מיין אויפשטאַנד).

אַ קרעפטיקע סינטעטישע מיינונג מכוח השארת הנפש געפינט מען אין פעדאָן: „די נשמה איז אומשטערבלעך ווייל קיין זאַך גייט ניט לאיבוד, פונקט ווי געוויסן״. מיר זעען עס ניט, מען קען עס ניט אָנטאַפּן, מיר ווייסן אָבער אַז אַזעלכעס ווי געוויסן עקסיסטירט. אזוי אויך מיט נשמה וואָס האָט אַ ממשות אין דער אייביקייט . . .

אזוי אַז גוף און נשמה,ביידע מוזן הויזן צוזאמען, און איינע קען נישט אויסקומען אָן דער צווייטער. דער דאָזיקער מאָדנער פענאָמען איז אַ גרויסע רעטעניש וואָס צוויי קעגנשטאַנדן פון באַזונדערע אייגנשאַפטן זיינען פעסט צו־געבונדן איינע צו דער צווייטער. מחמת ווען עס שטאַרבט אָפּ דער גוף, מוז די נשמה פאַרלאָזן דעם קערפּער . . . אָבער וואָס ווערט פון דער נשמה? בכן, ווייל עס איז נישטאָ קיין איינהייטלעכע זיכערקייט איז עס נאָך אַלץ אַ פּראָבלעם...

---

**א. כראַבאַלאָווסקי**

## אויף נייע וועגן פון אונדזער קולטור-טעטיקייט

אונטער אַזאַ קעפּל האָט פּריינט אָסקאַר שוועבעל, סעקרעטאַר פון דער צענט־ראַלער קולטור־געזעלשאַפט אין מעקסיקע, פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „די שטימע״ אַן אַרטיקל, מיטן קיצור פון וועלכן ס׳איז ווערט זיך צו באַקענען. ער שרייבט:

„איך האַלט, אַז אין דער ווייטערער צוקונפט האָבן מיר נישט קיין בעסערן מיטל פאַר דער פאַרמיטלונג פון גייסטיקע שאַפונגען און אויפהאַלט פון קולטורעלע ווערטן, ווי דאָס בוך און די פּרעסע. אָבער אונדזער גייסטיק־קולטורעל לעבן שפּילט זיך דאָך נישט אָפּ אין דעם באַשרענקטן רוים. מיר שאַפן דאָך אויך קולטור־ווערטן, וועלכע מ׳קען נישט נאָר באַשרייבן אין אַ בוך, נאָר האָבן אויך אַ פּלאַסטישן כאַראַקטער. זאַכן וואָס מען מוז באַטראַכטן מיט די אויגן.

„ווי קען מען למשל באַשרייבן די געשיכטע פון אונדזער שול־וועזן אין מעקסיקע נאָר אין טרוקענע ווערטער, נישט געבנדיק דאָס פאַרבן־רייכע בילד פון דער לעבעדיקייט, וואָס הערשט דאָרטן ביי די קינדער און דערציער? ווי קען מען איבערגעבן די שיינקייט און די פּראַכט פון אונדזער יידישן ספּאָרט־צענטער אויסשליסלעך אין געדרוקטן וואָרט, נישט זעענדיק מיטן אויג די פּראַכטפולע איינריכטונגען, וואָס מען האָט דאָרט אויפגעבויט? אאַ״וו.

„מיר שפּירן אַלץ מער און מער, אַז עס פעלט אונדז עפּעס, וואָס זאָל איינ־האַלטן אונדזער קולטורעל־גייסטיקן און סאָציאַלן לעבן פון ישוב אין אונדזער פּסיכישן באַוואוסטזיין. דערפאַר איז מיר געווען סימפּאַטיש די אידייע פון אַ פריינט אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָס האָט אונדז פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַ געזעלשאַפט פאַר אַ דאָקומענטאַרן פילם.

„וואָס מיינט דאָס צו זאָגן? מיר זאָלן אָנהייבן סיסטעמאַטיש רעקאָרדירן אונדזער קולטורעלע, דערציערישע טעטיקייט און אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן אין פילמען. יעדע וויכטיקע געשעעניש, יעדע וויכטיקע געזעלשאַפט (און יעדע וויכטיקע פערזענלעכקייט—א.כ), וואָס האָט אַ באַדייט פאַר אונדזער געגנוואַרט און פאַרן צוקונפטקן דור זאָל פאַראייביקט ווערן אין אַ דאָקומענטאַרן פילם.

„עטלעכע אינסטיטוציעס האָבן שוין געמאַכט אַ געוויסן אָנהייב. דאָס ביז אַהער געשאַפענע קען זיין דער אָנהייב פאַר אַ סיסטעמאַטישער אַרבעט. וואָס עס פעלט איז די נייטיקע קאָאָרדינירונג און פּלאַנמעסיקע שאַפונג פון דאָקומענטאַרן פילם, וואָס קען ווערן אַ לעבעדיק בילד פון גאַנצן רייכן, קולטורעלן און געזעל־שאַפטלעכן לעבן וואָס מיר פירן היינט.

„דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ. אויב אַזעלכע געזעלשאַפטן וועלן געשאַפן ווערן אין אַלע יידישע ישובים, קען פאַרקומען אַן אויסטויש פון אַזעלכע פילמען פון איין ישוב מיטן צווייטן. מיר וואָלטן אַזוי אַרום געקענט אַ סך לערנען איינס פון אַנדערן און עס וואָלט געווען אַ קעגנזייטיקע דערמונטערונג און באַפרוכ־פערונג פאַר נייע אידייען, פאַר נייע אונטערנעמונגען, פאַר בעסערע מעטאָדן אאַ״וו.״

עד כן דער קיצור פון אַרטיקל. איצט דאָס וואָס מיר ווילן צוגעבן דערצו. דער עיקר אויפן געביט פון יידישער דערציאונג, הגם דער היסטאָרישער אַספּעקט פון דער אידייע איז אויך גאָר וויכטיק.

---

לאָמיר נעמען אונדזער לאָס אַנדזשעלעס. אפילו נאָר אונזער יידיש־קולטרעלן און „אַרימען״ יידיש־דערציערישן סעקטאָר — האָבן מיר נאָך אַלץ עפּעס מיט וואָס זיך צו ווייזן און דערמוטיקן אַנדערע, אַזוי ווי מיר אַליין וואָלטן געשטאַרקט און דערמוטיקט געוואָרן צו זען אויפן לייוונט לעבעדיקע בילדער פון אַנדערע שטעט און ישובים, וואָס זיינען רייכער פון אונדז.

מיר האָבן למשל דאָ געשאַפן אַ קינדער־טעאַטער. מאַנכע פאָרשטעלונגען זיינען געווען ראוי פילמירט צו ווערן און געזען צו ווערן פון די קינדער פון ניו יאָרק, מעקסיקע, בוענאָס איירעס. אָדער ווי וויכטיק וואָלט עס געווען פאַר די גראַדואַנטן אַליין און פאַר אַנדערע, ווען אונדז וואָלט געבליבן אַ פילם פון די גראַדואירונגען פון די אַרבעטער־רינג שולן און באַזונדער פון דער מיטלשול מיט זייער רייכן אינהאַלט און שיינעם יידיש, כאָטש מאַנכע מיטן ענגלישן אַקצענט, וואָס אין אַ סך פאַלן גיט דאָס צו דעם יידיש אַן אָרטיקן און באַזונדערן חן.

ס׳וואָלט טאַקע אויך געווען אינטערעסאַנט צו הערן דעם אַקצענט, מיט וועלכן עס רעדן יידיש, די קינדער פון די שולן אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. אָבער דאָס וויכטיקסטע וואָלט געווען, אונדזערע קינדער זאָלן זען מיט זייערע אייגענע אויגן, אַז זיי זיינען נישט אַליין, אַז אין אַ סך שטעט און לענדער לערנען זיך הונדערטער יידישע קינדער אין יידישע טאָג־שולן, לערער־סעמינאַריעס גיבן אַרויס אין איין יאָר, ווי אין אַרגענטינע למשל, הונדערט נייע, יוגנטלעכע לערערס, און דאָס וואָלט אין אונדזערע און זייערע אויגן געשטאַרקט דעם ווילן און צו זיין שטאָלץ מיט זייער יידיש לערנען, מיט זייער יידיש קענען.

עס איז נאָך פאַראַן אין אַמעריקע אַ גרויסער יונגער עלעמענט וואָס פאַר־שטייט יידיש, כאָטש זיי רעדן ענגליש. פאַר זיי וואָלטן די קורצע אָבער איינ־

האַלטסרייכע עסייען פון די מיטלשול גראַדואַנטן געווען זייער וויכטיק צו זען און הערן, ווייל זיי קומען זייער ווייניק הערן וואָס די „אַלטע" זאָגן אויף דיזעלביקע טעמעס. זיי וואָלטן זיכער דאָס געהערט און ווי געהעריק אויפגענומען, ווען זיי וואָלטן עס געהערט פון מויל פון אַמעריקאַנער יוגנט אַליין און יידיש לשון וואָלט דורכדעם באַקומען חשיבות.

אגב וואָלט ה. רויזענבלאַט ע"ה געהאַט די זכיה צו הערן איינע פון די גראַ־דואַנטקעס פון דער מיטלשול, פייגעלע באַראַש, זיינע אַ פיינע עסיי אין אַ שיינעם יידיש וועגן אים אַליין. אַ גרויסער שאָד וואָס אָט די עסיי איז נישט פילמירט געוואָרן. עס איז געווען און וואָלט געבליבן די שענסטע מתנה פון דער יידישער שול און יידישער יוגנט אין אַמעריקע, דעם געליבטן דיכטער.

און אָט גייען אַוועק פון אונדז איינס נאָכן אַנדערן אונדזערע שענסטע דיכטער אַזעלכע ווי ה. רויזענבלאַט. מיט אים איז עפּעס געשען ווי אַ נס וואָס דער די־רעקטאָר פון אונדזער יידישער ראַדיאָ־שטונדע, זלמן זילבערצווייג, האָט אים פאַרבעטן צו זיך איידער ער איז פון אונדז אַוועק, און דער נפטר האָט רע־קאָרדירט פאַר אים פיר פון זיינע פּאָעמעס און לידער: 1) „ברויט", 2) „צווי אַלטיטשקעס", 3) „ווייַן און רויך", 4) „קעלמער מגיד". וויפל וואָלט דאָס ווערט געווען פאַרן גאַנצן יידישן לעבן ווען ס'זאָל בלייבן נאָך אים כאָטש איין דאָקומענ־טאַרער פילם פון זיינעם אַן אַרויסטריט אין ל. א. יידישן קולטור קלוב מיט זיין ריינעם, פּאָלקסטימלעך־יידישן לשון און טיף־דורכגעטראַכט אמתדיק וואָרט? אַזוי מיט אַ סך ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע פּערזענלעכקייטן, וואָס גייען פון אונדז אַוועק און זייערע לעבעדיקע געשטאַלטן פאַרשווונדן פון אונדז אויף אייביק.

---

ווען מיר רעדן שוין וואָס אונדז פעלט אין אונדזער קולטור־אַרבעט און יידישער דערציאונג (וועגן אַזעלכע „גרויסע" זאַכן ווי טאָגשולן איז שוין אָפּגע־רעדט), איז כדאי דאָ צו דערמאָנען כאָטש אַ פּאָר אַנדערע זאַכן. יידישע קולטור־און שול־טוער, ווייזט אויס, ווייסן אפילו נישט דערפון, אַז עס געפינט זיך ביי אונדז אַ יידישער בויך־רעדנער, ער הייסט ריקי ליין, מיט אַ יידישער „דאַמי" (לאַלקע), וועלוול. מיר האָבן אים געזען אויף טעלעוויזיע, וואו וועלוול רעדט ענגליש מיט אַ יידישן אַקצענט. אָבער אַ גרופּע יונגע פרויען פון „בני־ברית" אין לאָס אַנדזשעלעס האָט אים פאַרבעטן צו זייערן אַ דינער, וואו „וועלוול" האָט גערעדט פשוט מאַמע־לשון און האָט געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג. וויפל וואָלט דאָס ווערט געווען פאַר אַלע קינדער פון אונדזערע יידישע שולן, וואָס קוויקן זיך מיט אַ „טשאַרלי מעקאַרטי", צו הערן „וועלוולען" רעדן יידיש, און אויב איר ווילט העברעאיש, אין די העברעאישע שולן און תלמוד־תורות. און ווי אַנדערש וואָלט דאָס געווירקט אויף די קינדער, ווען אַזאַ „וועלוול" זאָל פאַר זיי פאַרקער־פערן שלום־עליכמס „מאָטל פייסי דעם חזנס"?

אַ צווייטע זאַך וואָס איז ווערט דאָ צו דערמאָנען זיינען די קינדער־רעקאָרדס מיט מעשהלעך און קינדער־לידער, מיט וועלכע ס'זיינען איצט פול די הייזער פון יונגע עלטערן. מיר פאַרמאָגן אויך אַ סך וויג־לידער; די קינדערהיימען אין פוילן האָבן געשאַפן אַ שלל מיט קינדער־לידער און מעשהלעך, וואָס זיינען זיכער

צוגענגלעך און טשיקאַווע צו הערן און נאָכזינגען פאַר די יידישע קינדער פון אַמעריקע. מען וואָלט אַזוי אַרום אַריינגעבראַכט דעם קלאַנג פון יידישן וואָרט און יידיש געזאַנג אין יידישע הייזער און אין די אויערן פון אַ סך יידישע קינדער, אַז דאָס יידישע לשון זאָל פאַר זיי נישט זיין אַזוי ווילד־פרעמד און אַזוי שווער צו פאַרנעמען און אַרויסרעדן, ווען זיי קומען אָן אין אַ יידישער שול, און אפשר וואָלט דאָס געווען אַ גוטער מיטל פאַר עלטערן און קינדער צו געבן זייערע קינדער אַ יידישע דערציאונג.

דאָס אַלץ איז נישט געמיינט אַרויפצולייגן אַ גרעסערן עול אויף די שול־טוער. זיי פעלט נישט קיין שוועריקייטן אויפצוהאַלטן די שולן אָן דעם. דערמיט דאַרף זיך פאַרנעמען אַ באַזונדער געזעלשאַפט, ספּעציעל געשאַפן דערצו. עס איז אויך נישט נייטיק קיין גרויסער קאַפּיטאַל אָנצוהויבן די אַרבעט און מאַכן דעם ערשטן טריט. אָבער ס׳איז וויכטיק דער ערשטער טריט״ אויף נייע וועגן פון אונדזער קולטור־אַרבעט און דערציאונג״ זאָל געמאַכט ווערן, אויב מיר ווילן זיך בכלל רירן פון אָרט.

די אידייע פון אַ דאָקומענטאַרן פילם, וואָס איז אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיטן דערשיינען פון אויבן־ציטירטן אַרטיקל פון פריינט אָסקאַר שוועבל, האָט געפונען אַ גינסטיקן אָפּרוף ביי אַ סך געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער. אין אונדזער לאָס אַנדזשעלעס האָבן צווישן אַ סך אַנדערע גינסטיק זיך אָפּגערופן אויף דעם אַזעלכע קולטור־ און שול־טוער ווי פריינט מאַקס האַלצמאַן און י. פרידלאַנד, פאָרזיצער פון ל. אַ. יידישן קולטור קלוב.

לאָמיר האָפן, אַז די גרויסע צאָל יידישע קולטור־ און שול־טוער ביי אונדז און אין אַנדערע שטעט און ישובים וועלן אַזוי גינסטיק אויפנעמען די אידייע, און וועלן צולייגן אַ האַנט זי צו ברייגנען צום לעבן.

---

# 30־יאָריקער יובל

פון

## לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

וועט געפייערט ווערן

**שבת אָוונט, דעם 6טן אָקטאָבער, 1956**

**אין זאַל פון קלוב — 4213 מאַנראָו גאַס**

---

**ווערט א מיטגליד אין ל. א. יידישן קולטור קלוב**

„די קולטור היים פאַרן יידישן מענטשן אין אַ יידישער סביבה״

**בען צוקערמאַן**

# חיים גרינבערג ע״ה

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

אינם ווינטער פון 1930־31 האָב איך געהאַט די זכיה צו אַראַנזשירן פאַר חיים גרינבערגן אַ סעריע לעקציעס און באַגלייטן אים אויף זיין טור. מיין רייזע מיט ח׳ גרינבערגן האָט דאַן געדויערט 4 וואָכן. איך האָב אַראַנזשירט אַלע דעטאַלן פון זיין טור. אין משך פון דער צייט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך נעענטער מיט אים.

זיינע לעקציעס זיינען אומעטום געווען זייער דערפאָלגרייך. אין מערב קאַנאַדער פּונקטן, וואו ער האָט געזאָלט האַלטן צוויי לעקציעס, איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַ דריטער.

אַלץ איז געגאַנגען אין גוטער אָרדענונג, ביז מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויפן וועג צווישן קאַלגארי און וואַנקואווער. צוליב די גרויסע רעגנס וואָס האָבן דאַן געגאָסן, האָט פּאַסירט אַ לאַנד־אַוואַלאַנש צווישן די צוויי הויכע בערג דורך וועלכע אונדזער אייזנבאַן איז דורכגעגאַנגען. אַ טייל פון די וואַגאָנען פון אונדזער צוג זיינען פאַרשאָטן געוואָרן מיט ליימיקער ערד, און מיר זיינען געבליבן שטעקן דאָרטן, מיט טיילווייז פאַרשטאָפּטע וואַגאָנען, 48 שעה. ח׳ גרינבערג איז צייטנ־ווייז געווען אין זייער אַ געדריקטער שטימונג, און אָפט איז ער שעהן נאָכאַנאַנד געווען פאַרטיפט אין געדאַנקען — איך האָב געוואוסט, אַז דאַן דאַרף איך אים לאָזן צורו.

אין וואַגאָן זיינען מיט אונדז געווען נאָך דריי מענטשן — דער פּאַרטער, אַ נוירס און אַן אינדוסטריאַליסט. דער לעצטער האָט געהאַלטן אין איין באַ־שטעלן „סקאָטש און סאָדאַ״, און ער האָט ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון ח׳ גרינבערג, וועמעס אויסזען האָט אים גוואַלדיק פאַראינטערעסירט. ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיין טישל צו מאַכן אַ „לחיים״ מיט אים, און האָט מיך גע־פרעגט, צי ער קען האָבן אַ שמועס מיט דעם „הינדו״. איך האָב אים דער־קלערט אַז ח׳ גרינבערג איז ניט קיין „הינדו״ נאָר אַ ייד פון רוסלאַנד. ער האָט מיך געבעטן איינלאַדן אים צום טישל — ער, דער אינדוסטריאַליסט, איז ערשט געווען אויף אַ באַזוך אין רוסלאַנד, האָט ער געוואָלט אויסגעפינען מער וועגן דעם לעבן פון די מאַסן און דעם רעזשים פון רוסלאַנד. ח׳ גרינבערג האָט די איינלאַדונג אָנגענומען, און דער אינדוסטריאַליסט האָט אים געשטעלט אָט די פראַגעס:

1. מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפטיקט אין רוסלאַנד? 2. וואָרום האָט איר פאַרלאָזן רוסלאַנד? 3. ווי קען לעבן אַ גאַנץ פאָלק אָן אינדיווידועלער פריי־הייט? און, 4. וואָרום ליגט אומעט און פאַרדאַכט דאָרטן אויף אַלעמענס פּנימער?

ח׳ גרינבערג האָט זיך פאַרטראַכט, ווי זיין שטייגער איז געווען, און האָט אים געענטפערט:

1. מיין באַשעפטיקונג איז געווען — אַ לערער פון רוסישער געשיכטע.
2. איך האָב פאַרלאָזן רוסלאַנד ווייל איך גלויב ניט, אַז די רוסישע געשיכטע

פאַנגט זיך אָן מיט לענינען אין 1917. איך האָב ניט געקענט לערנען געשיכטע אונטער אַ באָלשעוויסטישער ביקס. 3. דאָס רוסישע פאָלק, הונדערטער יאָרן פאַרשקלאַפט אונטער די צאַרן, איז געוואוינט געוואָרן צו ליידן און דולדן שקלאַ־פעריי און וועט עס וואַרשיינלעך דולדן ווייטער אַ לאַנגע צייט אונטער דעם איצטיקן דיקטאַטאָרישן רעזשים. אגב, איז אינדיווידועלע פרייהייט אַ מין לוקסוס. ווען מען איז עקאָנאָמיש און פּאָליטיש פריי, פעלט אויס די פרייהייט פונם יחיד, אויב מען נעמט עס ביי אים צו — די רוסן האָבן עס קיינמאָל ניט געהאַט, פעלט עס זיי ניט אויס.

און, וואָס איז שייך 4 — די אומעטיקע פּנימער און פּאַרדאַכט, זיינען זיי אַ פּראָדוקט פון אַ רייע סיבות, וואָס שטאַמען פונם רעזשים.

דער דאָזיקער שמועס, איבערגעגעבן דאָ בתכלית הקיצור, האָט געדויערט צוויי און אַ האַלבע שעה. דער אינדוסטריאַליסט, אַן אַמעריקאַנער דירעקטאָר און וויצע־פּרעזידענט פון יונייטעד סטיל קאָרפּ., האָט האַרציק באַדאַנקט גרינ־בערגן פאַר דעם שמועס. אגב האָט ער די גאַנצע צייט געטרונקען סקאָטש און סאָדאַ, און ה׳ גרינבערג — טיי. ה׳ גרינבערג האָט מיר שפּעטער געזאָגט, אַז דער אינדוסטריאַליסט האָט מאַרך אין קאָפּ, נאָר ער פוילט זיך באַנוצן דערמיט.

גייענדיק דערנאָך אין האָטעל, האָבן מיר זיך פאַרקירעוועט אינם כינעזישן קוואַרטאַל, וואו ה׳ גרינבערג האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, געזוכט עקזאָ־טישקייט. מיר האָבן עס געפונען. אַ מאַן מיט אַ לאַנגער באָרד און אַ בלייכן פּנים, איז געשטאַנען און געהאַלטן אַ דרשה, צו וועלכער פאַרבייגייערס האָבן זיך ניט צוגעהערט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דער מאַן האָט דערקלערט אַז ער באַלאַנגט צו דער סעקטע „האַוז אָף דייוויד״ (בית דוד). אין אַ געלאַ־סענעם טאָן האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם אַלטן יידישן געדאַנק, אַז גאָט וויל ניט פאַרניכטן די רשעים, נאָר אויסראָטן די רשעות (יתמו חטאים, לא חוטאים). ה׳ גרינבערג האָט צופרידן געשמייכלט.

גרינבערג איז יענע נאַכט געווען אומרואיק און ניט גוט געשלאָפן.

אַרום זיבן אינדערפרי האָב איך אים פאַרבונדן מיט ניו יאָרק, און ער האָט גערעדט צו זיין זון. ער האָט זיך באַרואיקט, אָבער שלאָפן האָט ער מער ניט געקענט. ער איז בכלל געווען זייער מיד פון נאַכט־נאָך־נאַכט לעקציעס. איך האָב דערפאַר טעלעגראַפירט קיין סעאַטל און קיי סאַן פראַנציסקאָ זיי זאָלן אָפּלייגן די דאַטעס פון די לעקציעס אויף שפּעטער. ווען איך האָב דאָס דער־ציילט ה׳ גרינבערגן איז ער געווען צופרידן. דאָס האָט אים געגעבן די גע־לעגנהייט פיזיש און גייסטיק אָפּרוען זיך.

די עטלעכע טעג רו האָבן אויף אים גוט געווירקט. דאַן האָט ער מיר מיט אַ שטילן, ניט זיכערן טאָן דערציילט, אַז אין וויקטאָריאַ איז דאָ אַ מאַן וואָס איז פאַר אַ צייט געווען גאַנדיס פּריוואַטער סעקרעטאַר, קאָן ער אים אפשר געבן מאַטעריאַל פון זיינע היי־סקול יאָרן, ווען גאַנדי איז געווען 16־17 יאָר אַלט, „און אָט דער פּעריאָד פון גאַנדיס לעבן פעלט מיר אויס״, האָט ער געזאָגט.

ער האָט געהאַט דעם אַדרעס, און אויף מאָרגן פרי זיינען מיר געפאָרן קיין וויקטאָריאַ, פיר שעה מיט דער שיף. דעם זעלבן אָוונט האָב איך געבראַכט דעם יונגן געלערנטן הינדו צו ה׳ גרינבערגן אין האָטעל.

ח׳ גרינבערג האָט אים געשטעלט אַ רייע פראַגן וועגן גאַנדין. דער הינדו (וועמעס נאָמען איך געדענק ניט) האָט דערציילט, אַז ווען גאַנדי האָט באַזוכט היי־סקול אין דרום אַפריקע האָט ער, מיט אַן ענג־געשלאָסענעם קרייז פריינט, געזוכט דעם שליסל צו דער רעטעניש פון ענגלאַנדס גרויסן כוח צו קענען באַהערשן 400 מיליאָן אינדיער מיט 160 טויזנט זעלנער און ציווילע בעאַמטע. זיי זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז אַזוי ווי די ענגלענדער זיינען פלייש־עסערס און פלייש פאַראורזאַכט בייז בלוט, גיט עס זיי וויטאַליטעט און ברוטאַליטעט צו קענען הערשן ביד חזקה. האָבן זיי אויסגעפירט, אַז ווען זיי וועלן אָנהויבן עסן פלייש, וואָס זייער רעליגיע פאַרבאָט זיי, וועלן זיי קענען פאַרמעסטן זיך קעגן די ענגלענדער און פאַרטרייבן זיי פון לאַנד.

די עטלעכע ייִנגלעך האָבן ביי אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד דאָן באַשלאָסן גנבענען אַ שעפעלע ביי איינעם פון די עלטערן פון דער גרופּע. מען האָט גע־וואָרפן גורל, און ס׳איז אויסגעפאַלן אַז גאַנדי זאָל זיין דער ערשטער צו גנבע־נען אַ שעפעלע. דעם צווייטן אָוונט האָט גאַנדי געבראַכט דאָס שעפעלע, די קאָנ־ספּיראַטאָרן האָבן עס געשאָכטן, אָפּגעבראָטן און געפּראַוועט די ערשטע פאַר־באָטענע סעודה.

ביינאַכט אין שלאָף האָט זיך גאַנדין געחלומט, אַז דאָס יונגע אומשולדיקע שעפעלע רופט אים צום משפּט. — וואָס האָט ער געהאַט צו איר אָוועקצורויבן איר לעבן. גאַנדי האָט זיך מיט גרויס שרעק אויפגעכאַפּט און האָט תּפילה געטאָן און געבעטן מחילה ביים שעפעלע. ער האָט אַ נדר געטאָן, אַז ער וועט מער קיינמאָל אין לעבן ניט טויטן קיין זאַך אפילו פאַר דעם הייליקסטן צוועק. דאָן איז עס ביי אים געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד.

ח׳ גרינבערג האָט פאַרצייכנט אַלץ וואָס דער הינדו האָט אים דערציילט. שפּעטער האָט ער מיט ענטוזיאַזם געדאַנקט מיר פאַר דערמעגלעכן אים פאַר־צייכענען אַזאַ וויכטיקן עפּיזאָד אין גאַנדיס לעבן.

אין סעאַטל האָבן מיר דערנאָך פאַרבראַכט צוויי טעג. אין סאַן פראַנ־ציסקאָ האָב איך אים דערציילט וועגן אַ קאָמיטעט וואָס האָט זיך דאָרטן געהאַט געגרינדעט אין די 20קער יאָרן אַרויסצוגעבן זיינע, גרינבערגס, ווערק, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווען מען וואָלט אים אָוועקגעזעצט צוגעשמידט מיט קייטן, וואָלט ער אפשר געמוזט שרייבן . . .

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט ח׳ גרינבערג אין מלך דוד האָטעל אין ירושלים, אין 1952. איך האָב מיט אים פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה. כ׳האָב געוואוסט, אַז ער איז אַ שטימונג־מענטש און וויל אָפט זיין מיט זיך אַליין. ער איז אָבער געווען פריינטלעך, חבריש און אינטים מיט זיינע פריינט, און האָט זיך אינטערעסירט מיט זייער לאַגע. זיין פריצייטיקער טויט איז געווען אַ שווערער פאַרלוסט פאַר אונדז אַלעמען.

*יהי זכרו ברוך.*

---

ווערט אבאָנענטן און בויער פון „חשבון״

דער איינציק יידיש-ליטעראַרישער זשורנאַל אין קאַליפאָרניע

# צום דרייסיק יאָריקן יובל פון לאָס אנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

דרייסיק יאָר איבּם לעבּן פון אַן אָרגאַניזאַציע איז אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל יאָרן, און גאָר באַזונדערס איז עס אַ וויכטיקע דאַטע פאַר אַ יידישער קולטור אָרגאַניזאַציע, ווי דער ל. א. יידישער קולטור קלוב. אוודאי האָט זיך געפאָדערט ניט וויניק ענערגישע אַרבעט, עקשנות און אחריות; אָפטמאָל איז אויסגעקומען בייצוקומען האַרבע שוועריקייטן, מאַטעריעלע און גייסטיקע, כדי ביכולת צו זיין אָנצוהאַלטן דעם המשך פון אונדזער יידישער קולטור טוּאונג אָט די אַלע מיזאַמע יאָרן.

ווען מע נעמט אין באַטראַכט, אַז דער יידישער קולטור קלוב איז ניט אַן אָפּטייל פון אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, אָדער אַ צווייג פון אַ פראַטוירנאַלן אָרדן, און האָט נישט קיין שום מאַטעריעלע געפינסן פאַר זיינע מיטגלידער; ווען מע האָט אויך אין זינען, אַז יידישע קולטור בכלל האָט ביי אונדז נישט קיין צו גוטע מערכה און, אַז די יידישע גאַס ווערט וואָס אמאָל מער און מערער פאַרכאַפּט פון דער דרויסנדיקער קולטור און שפּראַך אַסימילאַציע. (יידישע נאַציאָנאַלע און פאָלקס אָרג. באַנוצן זיך שוין ס׳רוב מיט ענגליש סיי מיטן גערעדטן און סיי מיטן שריפטלעכן וואָרט.) ווען מעהאָט אָט די אַלע אספעקטן אין זינען, און דער קולטור קלוב האָט דאָך באַוויזן, פאַר די דרייסיק יאָר אָנצוהאַלטן אַ יידישע קולטור סביבה און אַ יידישע אַטמאָספערע. און חוץ אָט די אַלע דרויסנדיקע שוועריקייטן און מניעות איז דער קולטור קלוב דאָך געבליבן געאייניקט און געשטאַרקט, הן אין איכות הן אין כמות, מעגן מיר עס

מיר מיינען מיט דעם נישט צו זאָגן, אַז אַלץ איז שוין ביי אונדז פּערפעקט, און אַז מיר זיינען שוין צופרידן מיט אונדזערע דערגרייכונגען. אוודאי ווייסן מיר, אַז ס׳איז פאַראַן אַ סך מער צו טאָן אויף דעם קולטור געביט. מיר ווייסן אָבער אויך די מעגלעכקייטן וואָס מע קען דאָ אין שטאָט דערגרייכן. מיט אונדזער גאַנצער צעשפּרייטקייט און דער ווי אויף אייוון אויסגעקומענער ישוב, פון אַ 400 טויזנט יידישע נפשות, כן ירבו, זיינען מיר אָבער זייער און זייער באַשרענקט אין גייסטיקע קולטור-שעפערישע און קינסטלערישע כוחות; און גאָר באַזונדער איז ביי אונדז אַ גרויסער דחקות אין אַזעלכע כוחות, אין אונדזער יידיש-יידישן סעקטאָר. מיר טוען אָבער אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך, דאָ אין שטאָט, צו דערגרייכן אויף דעם יידיש קולטורעלן און קינסטלערישן געביט. מיר לאָזן נאָטירלעך נישט דורך קיין געלעגנהייט אויפצונעמען דעם יידישן קינסטלער, דיכטער און געלערנטן ווען אַזעלכער קומט נאָר צו צו אונדזערע ברעגן.

רעטראָספּעקטיוו זעען מיר אַז מיר האָבן דאָ אין משך פון די דרייסיק יאָר אויסגעפילט אַ חלל אין יידישן לעבן. מיר האָבן דאָ דורכגעפירט אַ קולטור פונקציע, וואָס קיין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ביי זייער בעסטן ווילן, קענען עס ניט טאָן: צוליב זייער כסדר׳דיקער פאַרנומענקייט מיט פאַרשיידענע פּאָליטישע אַקציעס און „קאַמפּיינס״, איז קולטור טוּאונג ביי זיי אַ „ביי-פּראָדוקט״ און דינט אָפטמאָל אפילו זייערע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע צוועקן.

פאַר די דרייסיק יאָר האָט דער קולטור קלוב, יאָר איין יאָר אויס, און וואָך איין וואָך אויס, פּלאַנמעסיק דורכגעפירט ליטעראַרישע אָוונטן, כלערליי לעקציעס, קאָנצערטן פון יידישן וואָרט, שרייבער אָוונטן, יידישע קונסט און ביכער אויסשטעלונגען, פייערונגען פון יידישע יום־טובים, „חודש פאַרן יידישן בוך", „חודש פאַר יידישער מוזיק". ביי די דאָזיקע אָוונטן האָט דער יידישער פאָלקס־מענטש געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אונדזער יידישער ליטעראַטור און אירע שעפער, גייסטיק הנאה געהאַט פונם געזונגענעם יידישן ליד און פון די פאָרלייענונגען פון אונדזער ליטעראַטור.

יעדער בר־דעת וועט עס זיכער פאַרשטיין, כדי אויפצוהאַלטן אַזאַ קול־טור אינסטיטוציע, אפילו אויף דעם אופן ווי דער קולטור קלוב איז איינגע־שטעלט, — ד"ה אָן וועלכע עס איז באַצאָלטער פירערשאַפט אָדער דירעקטאָר — האָט דער קלוב נאָך אַלץ אַ בודזשעט פון ניין טויזנט דאָלער אַ יאָר. כדי אנטקעגן קומען די יערלעכע הוצאות, פון באַזאַרגן, וואָך איין וואָך אויס, קול־טור פּראָגראַמען שטיצן קולטור אינסטיטוציעס, אויפהאַלטן אַ יידיש מאָדערנע צירקולירנדיקע ביבליאָטעק, די אויסגאַבע פונם זשורנאַל „חשבון" און צענד־ליקער אַנדערע קלענערע און גרעסערע הוצאות, וואָס פאָדערט זיך, ווי גע־זאָגט, מטמונים, און אָן אַ שיעור אַרבעט. צום שבח פון אונדזערע געציילטע, בלב ונפש איבערגעגעבענע טוער, און דער וואַרעמער אָפּרוף פון אונדזערע מיטגלידער און פריינד, זיינען מיר ביכולת געווען אַנטקעגן קומען אונדזערע התחייבותן און ניט זיין באַלאַסטעט מיט חובות, ווי די מערסטע קולטור אָר־גאַניזאַציעס. (אגב איז אַזאַ זאַך גאַרניט בדרך הטבע. בדרך כלל האָט אַ יידישע אינסטיטוציע אויף זיך אַ פאַר „מאָרטגעדזשעס", דאַרף ס'רוב אָנקומען צו הלוואות און כסדר זאָרגן „וואו נעמט מען אויף שבת". צום גליק זיינען מיר, לעת־עתה, פריי פון די האַרבע מאַטעריעלע זאָרגן.)

מיר ווייסן נישט פון קיין אַנדער גרופּע יידן אין אונדזער יידיש־יידישן סעקטאָר, וואָס זאָל געווען אָנהאַלטן אַזאַ קולטור צענטער, וואָס דינט ניט נאָר דעם קולטור קלוב אַליין נייערט ער איז אויך געוואָרן אַ זאַמל־פּונקט פאַר דעם רוב פון די יידישע קולטור מסיבות פון אַנדערע געזעלשאַפטן.

מיר האָבן שוין ביי אַן אַנדער געלעגנהייט עס דערמאָנט, און מיר ווילן עס אָפּטער דערמאַנען, מחמת דאָס איז דער יסוד פון אונדזער דויערהאַפטיקן עקסיסטירן. דער ל. א. יידישער קולטור קלוב, אין זיין איינשטעל, איז אי־בערפּאַרטייאיש. ער איז ביי קיינעם נישט בודק זיין פּאָליטישע אָריענטאַציע. פאַר דעם קלוב איז גענוג, אַז אַ ייד וואָס געפינט אינטערעס אין אונדזערע קולטורעלע מסיבות, האָט הנאה פון יידיש גערעדטן וואָרט, פון געזונגענעם יידישן ליד, פון אַ יידישער לעקציע, פון יידיש ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע אָוונטן, האַלט הויך יידישע קולטור־אַספּיראַציעס, העלפט אין דער דערהויבונג פון יידישן קולטור מצב און איז טריי די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, אומעטום אין זייער צעשפּרייטקייט, איז ער אָדער זי ראוי צו ווערן אַ חשובער מיטגליד אין יידישן קולטור קלוב. ס'איז דאָך קלאָר: דעם וועמען אַ יידישע קולטור־סביבה אינטערעסירט נישט, דער וואָס איז שוין שפּראַכלעך

אַסימילירט און האָט בכלל נישט הנאה פון די דערמאָנטע יידישע קולטור־אַקטיוויטעטן, אַזעלכער וועט צו אונדז נישט קומען — און קומט טאַקע נישט!

צו אונדזער טרייסט און צופרידנקייט האָבן מיר דאָ אין ל. א. נאָך אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל יידיש־יידן מיט ליבע און איבערגעבנקייט פאַר יידישע קולטור ווערטן און זיי באַטראַכטן דעם יידישן קולטור קלוב פאַר זייער גייס־טיקע היים, פאַר זייער מאָדערנעם בית־המדרש. נאָר מיט דער הילף און קאָ־אָפּעראַציע פון אָט די יידישע קולטור אספּיראַנטן, איז דער קולטור קלוב ביכולת געווען אָנצוווייזן אויף אַזעלכע פּרוכטיקע אריכת ימים.

הגם דער קולטור קלוב פירט דורך די פונקציעס פון אַ יידישן קולטור צענטער פאַר כלערליי יידישע קולטור אַקטיוויטעטן, האַלט ער זיך אָבער אַליין אויף, אָן וועלכע עס איז סובסידיעס פון דער יידישער קהילה אָדער „יידישן קאָמיוניטי קאַונסיל״.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר איז די יידישע ל. א. געבליבן לחלוטין אָן אַ יידיש־וועלטלעכער אָדער חודש־שריפט, וואָס זאָל אויפריכטיק און מיט חשיבות רעפּרעזענטירן דאָס קולטור שעפערישקייט פון היגן יידישן ישוב. בכן האָט דער קולטור קלוב אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל „חשבון״. „חשבון״ האָט זיך גענומען די מי צו פאַררעגיסטרירן די טואונגען און אַקטי־וויטעטן פון די יידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן אין לאָס אַנגעלעס.

דער יידישער היסטאָריקער, וואָס וועט זוכן צו באַקענען זיך מיט דעם לעבן פון די יידן אין קאַליפאָרניע, מיט דעם מהות זייערן, אין משך פון דעם יאָרהונדערט, וועט בלי שום ספק אויך זיך באַנוצן מיט די זשורנאַלן „חשבון״ פאַר זיין פאָרש־אַרבעט, צו דער געשיכטע פון יידן אין קאַליפאָרניע.

ביז לעצטן יאָר, ד״ה ביז דעם נומער 6 „חשבון״, האָט דער זשורנאַל אונדזער געטראָגן אַ געזעלשאַפטלעך קולטור כאַראַקטער אין זיין אינהאַלט; אויך טיילווייז היסטאָריש, ווי למשל, דער היסטאָרישער נומער צו דער גע־לעגנהייט פון הונדערט־יאָריקן יובל פון יידן אין קאַליפאָרניע. קיין ריין לי־טעראַרישע אויסגאַבע האָבן מיר דאַן דעם „חשבון״ ניט געקענט באַצייכענען. אמת, אונדזער חשובער דיכטער ה. רויזענבלאַט ע״ה האָט אונדז ביי יעדער נייער אויסגאַבע, מזכה געווען מיט אַ ליד, וואָס האָט זיכער צוגעגעבן דער אויסגאַבע כבוד און חשיבות, און מיר האָבן עס באמת אָפּגעשאַצט און אנער־קענט. פון דעם נומער 6 „חשבון״ און ווייטער האָט דער קולטור קלוב, צוזאַ־מען מיט דעם שרייבער־קרייז „בוך און לעבן״, פאַרוואַנדלט דעם זשורנאַל פון איינמאָל־אַ־יאָר אויסגאַבע אין אַ פּעריאָדישער שריפט פאַר ליטעראַטור, קרי־טיק און קולטור פּראָבלעמען. ווי דער שער־בלאַט פון „חשבון״ זאָגט עס בולט. אוודאי וועלן מיר זיך באַמיען אונדזערע הבטחות אָפּצוהיטן און אויספאָלגן, כדי דאָס יידיש געדרוקט וואָרט ברענגען צו אייך, דורכן זשורנאַל, מיט דרך ארץ און חשיבות.

דער אָפּרוף פון די לעצטע נומערן איז אומעטום געווען אַ וואַראַמער און מיט אינטערעס, סיי דאָ אין ל. א., סיי אין ניו יאָרק און ישראל. מיר האָפן, אַז דער איצטיקער נומער וועט אויך געפינען חן און אָנזען אַן אונדזער יידי־

שער געזעלשאַפטלעכקייט. מיר פון אונדזער זייט, וועלן מאַכן אַלע באַמיאונגען אַז „חשבון" זאָל ווערן אַ גייסטרייכע און פאַרדינסטפולע שריפט, פאַר דעם בעסערן יידישן לייענער אין קאַליפאָרניע און אויך מחוץ.

אַז די יידישע ל. א. דאַרף האָבן אַן ערנסטע יידישע שריפט, וואָס זאָל אונדז געבן חשיבות און אנערקענונג, אין דעם איז זיך קיינער נישט מסופק. ס'איז דאָך אַ פשוטער בזיון, אַז אַזאַ גרויסער יידישער ישוב, זאָל דאָ נישט האָבן קיין אייגענע שריפט?! יידישע קולטור עסקנים און שרייבער, אין ניו יאָרק, און ביי אונדזער נאָענטסטן שכן, אין דער יידישער מעקסיקא האָבן שוין ניט איינמאָל, מיט פאַרוואונדערונג אונדז געפרעגט: היתכן?! יידישע ל. א.! ווי קומט עס טאקע, וואָס אזא גרויסער יידישער ישוב, ווי אייערער — דער „ניו יאָרק פון דער וועסט", מיט אַזעלכע גרויסע דערגרייכונגען, מיט אַן אָר־גאַניזירטער יידישער קהילה; מיט גרויסע דערפאָלגרייכע אַקציעס און „קאָמ־פיינס" פאַר כלערליי צוועקן, זאָל אויף דעם געביט פון דעם יידישן צייטונגס־וועזן זיין אַזוי אומפאַרגעבלעך, הינטערשטעליק!? די יידישע מעקסיקא, מיט אַ באַפעלקערונג פון 20 טויזנט נפשות בלויז, האָט פונדעסטוועגן: צוויי יידישע צייטונגען, „די שטימע" און „דער וועג", וואָס דערשיינען צו צוויי מאָל אַ וואָך, אויך אַ פאָר פאַרטיי זשורנאַלן און צייטשריפטן; און מיר דאָ, מיט קרוב צו 400 טויזנט יידישע נפשות האָבן ניט אפילו איין וועכנטלעכע אָדער חודשלעכע שריפט אויף יידיש.

מיט דער דערשיינונג פונם זשורנאַל „חשבון" ווי אַ פעריאָדישע שריפט, נעמען מיר טיילוויז אַרונטער דעם בזיון פון אונדזער יידישן סעקטאָר אין ל. א., וואָס איז געבליבן, פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, לחלוטין אָן אַ באַשטענ־דיקע יידישע שריפט.

דער ל. א. יידישער קולטור קלוב פילט זיך באמת גליקלעך, וואָס ער איז פּאָטענציעל אין אַ פּאָזיציע בייצוטראָגן מיט זיין הילף צום היגן יידישן ישוב אַ פעריאָדישע קולטור־ליטעראַרישע שריפט, אין צוגאָב צו זיין פאַרצווייגטער יידישער קולטור טעטיקייט.

אין דעם נומער „חשבון" וועט דער לייענער געפינען אַ פּרטימדיקע רשימה פון אַלע ליטעראַרישע אָוונטן און קולטור אַקטיוויטעטן, וואָס דער קלוב האָט דורכגעפירט אין משך פון לעצטן זמן 1955־56. פון דער אויספירלעכער רשימה קען מען זיך שאַפן אַ קלאָרן באַגריף, אַז די טוער ביים קולטור קלוב זיינען נישט אָפּגעשטאַנען, נישט מיד געוואָרן נאָר, ווי כסדר, וואָך איין וואָך אויס, ממשיך געווען די קולטור טואונגען ווי אין די פריערדיקע יאָרן.

מיט דער דערעפענונג פונם נייעם זמן טרעט דער קולטור קלוב צו צום 31טן יאָר פון זיין גלאָרייכן עקסיסטירן. ווי אַלע יאָר, וועלן מיר זיך באַמיען אויך דעם יאָר, אויסברייטערן אונדזער קולטור אקטיוויטעט, פאַר אינטערע־סירן וואָס מערער באַזוכער צו אונדזערע קולטורעלע און ליטעראַרישע מסיבות, און אויך צוציען וואָס מערער קולטור שעפערישע כוחות צו אונדזער אין אייער לאָס אנגעלעסער יידישן קולטור קלוב.

## באַאַמטע און אַדמיניסטראַציע פון לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

## פון דעם יאָר תשט"ז — 1955-56

**ה. רויזענבלאַט**
ערן־פרעזידענט

**י. פרידלאַנד**
פרעזידענט
**א. אייעראָף,**
**א. באַביטש**
וויצע פרעזידענטן
**מ. ל. קאַפּעלאָף**
פינאַנץ סעקרעטאַר
**ס. לעווין**
פראַקטאַקאַל סעקרעטאַר
**א. שוואַרץ**
סעקרעטאַר
**שלמה צוקערמאַן,**
**מ. ווינאַרסקי,**
**ה. ראָבינסאָן**
פינאַנץ קאָמיסיע
**ציליע צוקערמאַן**
**גאָסי אייעראָף**
הויז פאַרוואַלטער
**י. סקאַקאַפּסקי**
בריוו פאַרוואַלטער
**נ. אזאַלין**
ביבליאָטעק און אַרכיוו

### קולטור קאָמיסיע

**יעקב ניומאַן**
**ש. ברייניז**
**מיני שוואַרץ**
**מ. ל. קאַפּעלאָף**
**י. פרידלאַנד**
**ס. לעווין**
**א. אייעראָף**
**נ. אזאַלין**
**א. שוואַרץ**

•

### מיטגלידער פון אַקטיוו

**חבר און חברה ל. זעלמען**
**חבר און חברה פּ. לערנער**
**מוסי פרידלאַנד**
**אַניוטאַ קאַפּעלאָף**
**ליובאַ ברייניז**
**שרה ווינאַרסקי**

---

# לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

## געגרינדעט אין יאָר 1926




זיצנדיקע פון רעכטס: א. אייעראַף, וויצע פּאַרז.; ה. ראַבינסאָן, פינאַנץ קאָמ.; י. סקאָקאָווסקי, בריוו פאַרוואַלטער; נ. אזאלין, ביבליאָ־טעקאַר; י. פרידלאַנד, פּרעזידענט; ס. בריינין, קולטור קאָמ.; מ. ל. קאָפּעלאָף, פינאַנץ סעק.; ס. לעווין, פּראָטאָקאָל סעק.; א. באַביטץ, וויצע פּאַרזיצער; שלמה צוקערמאַן, פינאַנץ קאָמיסיע.

שטייענדיקע פון רעכטס פון דער פאַרוואַלטונג: חברות: סקאָקאָווסקי, ראַבינסאָן, אייעראַף, צוקערמאַן, בריינין, קאָפּעלאָף און פריד־לאַנד. ס׳פעלן אויף דעם בילד: די חברים שוואַרצס און ווינאַרסקיס.

# אונדזער קלוב און זיין גייסטיק-קולטורעלער פאַרמעג — די ביבליאָטעק

נ. אַזאַלין, ביבליאָטעקאַר

די פאָלגנדיקע שורות דאַרפן בלויז דינען ווי אַ באַריכט פון, און אַרום, דער ביבליאָטעק, אָבער צו מיר, אַלס פאַרוואַלטער און ביבליאָטעקאַר, זיינען זיי מער ווי אַ באַריכט. איך שרייב זיי ווי אַ געזאַנג, אַ אָדע צו דער ביבליאָטעק. ווייל איך האַלט, אַז זי איז דער קרוינקאָפּ פון דער אָרגאַניזאַציע און פון אונדזער בנין. אַן אָרון קודש ווערט געהייליקט נאָר דאַמאָלס ווען מע שטעלט אין אים אַריין די ספרי תורות. אָן די הייליקע ספרים אין אים איז ער בלויז קאַסטן (ווי רייך ער זאָל ניט זיין געבויט) און ניט אָרון קודש.

דער פאַרמעג פון דער ביבליאָטעק ביי היינטיקן טאָג איז אַריבער דריי טויזנט ביכער אין די דריי שפּראַכן: יידיש, העברעאיש, און ענגליש. עס פאַרשטייט זיך, אַז די מערצאָל איז יידיש מיט אירע גאָר ערשטע קלאַסיקער, ווי שלמה עטינגער און אייזיק מאיר דיק, ביז די לעצטע פון די לעצטע אויפן ראָמאַן געביט, ווי מרדכי שטריגלער און זיין ראָמאַן: „געאָרמט מיט ווינט", און שאול ראַסקינס ראָמאַן: „אַן אויסגעטראַכטער אמת".

זאָל דאָ אויך פאַרצייכנט און דערמאָנט ווערן וועגן די ביכער מתנות וואָס חברים-מיטגלידער און פריינט פון קולטור קלוב האָבן געגעבן און באַרייכערט די ביבליאָטעק מיט איינסן פון גרויס חשיבות.

איר געפינט אויך אין ביבליאָטעק, אַ חוץ אונדזערע צווי ניו יאָרקער טאָג-צייטונגען, אויך די צווי קאַנאַדער: „דער קענעדער אָדלער" פון מאָנטרעאָל און „דאָס יידישע וואָרט" פון וויניפּעג, און פון מעקסיקאָ: "די שטימע" און „דער וועג". וועכנטלעכע: „די פרייע אַרבעטער שטימע", „יידישער קעמפער" און „דער וועקער". פון די חודשלעכע: „די צוקונפט" און „די יידישע קולטור", און די צווי דריי-חדשימדיקע שריפטן: „די גאָלדענע קייט", געדרוקט אין תל אביב און „דווקא", געדרוקט אין בוענאָס איירעס.

און זאָל אויך דערמאָנט ווערן די ייוואָ אויסגאַבן, ווי די "ייוואָ בלעטער" און דער זשורנאַל „די יידישע שפּראַך", און די אַלע אַנדערע בראַשון און ביכער וואָס דער „ייוואָ" גיט אַרויס יערלעך. אויך זיי געפינען זיך אויף די פּאָליצעס פון דער ביבליאָטעק.

און ווי דערמאָנט מען ניט די 3 שפּילעוודיקע קינדער-צייטונגען אָדער זשורנאַלן, ווי „די אַרגענטינער ביימעלעך", „די קינדער צייטונג" און „קינדער זשורנאַל", וואָס געוויס טראָגן זיי צו פאַרב און קאָלאָריט צום ליטעראַטור-אוצר און פאַרמעג פון דער ביבליאָטעק.

איך וויל פאַרענדיקן מיט אַ פּאָר שורות וועגן דער לייענערשאַפט וואָס לײדער, נומעריש, איז זי נישט צו גרויס. (פאַר דעם יאָר 1955, אַ לייענערשאַפט פון 85, וואָס האָבן אַרויסגענומען 455 ביכער צום לייענען.)

דערפאַר אָבער קוואַליטאַטיוו פון אַ גאָר באַזונדער גייסטיק-הויכן ראַנג, וואָס

פאַרשאַפט מיר אַלס ביבליאָטעקאַר אַ טיף־טיפן נחת רוח. טראַכט איך וועגן זיי, ווערט מיין האַרץ איבערפליט מיט פרייד און גליקזעליקייט.

און אויך מיט דאַנקשאַפט צו די חברים און חברות פון דער פאַרוואַלטונג וואָס האָבן מיר אָנגעטרויט דעם דאָזיקע אוצר, וואָס, ווי שוין געזאָגט, איז דער קרוין־קאָפּ פון אונדזער אַקטיוויטעט אין און אַרום דעם „לאָס אַנדזשעלעסער יידישער קולטור קלוב".

---

## ידידי — ספרן, נ. אזאלין

אוהב אתה את השפה העברית
וספרי ישראל חביבים הם לך,
על זה מעשיך יעידו ויוכוחו,
כל ספר וספר מביט בגאון מהארגז,
ארון ספרים אל הקורא
ובבת צחוק חבר הוא אומר בבקשה:
חבקנו בחבה וקראנו ודע סרעפי.
בטוח אני כי תהנה ממני
ואל תשכח כי בן אתה לעם הספר.
היה נאמן למסורתך,
וזה יהיה שכר טוב לאיש
אשר עמל להיות יוצרו סופרו ומחברו.

ש. ב.

---

## רשימה פון קולטורעלע און ליטעראַרישע שבת-צו-נאַכטן

### פון 30־טן זמן 1955־56, פון ל. א. יידישער קולטור קלוב

א) שבת אָוונט, 8טן אָקט. — וואַלן פאר באַאמטע פון קלוב און איינ־סטאַלירונג, און חבר אשר דובין, באַקאַנטער פּעדאַגאָג, רעפערירט איבער דער טעמע: „קהלת — דער סקעפּטיקער און פּעסימיסט".

שבת אָוו., 15טן אָקט. — דערעפענונג פון דעם 30טן זמן פון קולטור קלוב. אין פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: מרים עליאַס, באַוואוסטע קינסטלערין פון דער מאָסקווער „הבימה"; גדאל זאלעסקי, בארימטער טשעליסט; באַמערקונג צו דער דערעפענונג פון קלובס 30טן זמן, פון פאַרזיצער י. פרידלאַנד.

ג) שבת אָוו., 22טן אָקט., ליטעראַטור אָוונט לכבוד די דערשיינונג פון 6טן נומער „חשבון" און פאַרדינסטפולן עסקן און רעדאַקטאָר פון זשורנאַל, י. פרידלאַנד. פאַרזיצער פון אָוונט, ה. רויזענבלאַט; פאַרלייענונג, יעקב ניומאַן; באַגריסונג אין נאָמען פון די שרייבער, וו. נאַטאַנסאָן; אין נאָמען פון קלוב, מ. ל. קאָפּעלאָף; פאָלקס געזאַנג פון טיאַנאַ טאַמאַרא; ביי דער פּיאַנאָ, שענאַן געלסאָן.

פאַרשאַפט מיר אַלס ביבליאָטעקאַר אַ טיף־טיפן נחת רוח. טראַכט איך וועגן זיי, ווערט מיין האַרץ איבערפולט מיט פרייד און גליקזעליקייט.

און אויך מיט דאַנקשאַפט צו די חברים און חברות פון דער פאַרוואַלטונג וואָס האָבן מיר אָנגעטרויט דעם דאָזיקע אוצר, וואָס, ווי שוין געזאָגט, איז דער קרוין־קאָפּ פון אונדזער אַקטיוויטעט אין און אַרום דעם „לאָס אַנדזשעלעסער יידישער קולטור קלוב״.

---

## ידידי — ספרן, נ. אזאלין

אוהב אתה את השפה העברית
וספרי ישראל חביבים הם לך,
על זה מעשיך יעידו ויוכוחו,
כל ספר וספר מביט בגאון מהארגז,
ארון ספרים אל הקורא
ובבת צחוק חבר הוא אומר בבקשה:
חבקנו בחבה וקראנו ודע סרעפי.
בטוח אני כי תהנה ממני
ואל תשכח כי בן אתה לעם הספר.
היה נאמן למסורתך,
וזה יהיה שכר טוב לאיש
אשר עמל להיות יוצרו סופרו ומחברו.

ש. ב.

---

# רשימה פון קולטורעלע און ליטעראַרישע שבת-צו-נאַכטן

## פון 30־טן זמן 1955־56, פון ל. א. יידישער קולטור קלוב

א) שבת אָונט, 8טן אָקט. — וואַלן פאַר באַאמטע פון קלוב און איינ־סטאַלירונג, און חבר אשר דוביץ, באַקאַנטער פּעדאַגאָג, רעפערירט איבער דער טעמע: „קהלת — דער סקעפּטיקער און פּעסימיסט״.

שבת אָוו., 15טן אָקט. — דערעפענונג פון דעם 30טן זמן פון קולטור קלוב. אין פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: מרים עליאַס, באַוואוסטע קינסטלערין פון דער מאָסקווער „הבימה״; גדאַל זאַלעסקי, בארימטער טשעליסט; באַמערקונג צו דער דערעפענונג פון קלובס 30טן זמן, פון פּאַרזיצער י. פרידלאַנד.

ג) שבת אָוו., 22טן אָקט., ליטעראַטור אָוונט לכבוד די דערשיינונג פון 6טן נומער „חשבון״ און פאַרדינסטפולן עסקן און רעדאַקטאָר פון זשורנאַל, י. פרידלאַנד. פּאַרזיצער פון אָוונט, ה. רויזענבלאַט; פּאַרלייענונג, יעקב ניומאַן; באַגריסונג אין נאָמען פון די שרייבער, וו. נאַטאַנסאָן; אין נאָמען פון קלוב, מ. ל. קאָפּעלאָף; פאָלקס געזאַנג פון טיאַנאַ טאַמאַרא; ביי דער פּיאַנאָ, שענאַן געלסאָן.

ד) שבת אָוו., 29טן אָקט. — באַוואוסטער שריפטשטעלער און רעדאקטאָר פון „יידישער קעמפער", האָט רעפערירט איבער דער טעמע: „פאַרשטייען מיר שוין די חורבן עפּאָכע?"

ה) שבת אָוו., 5טן נאָוו. — צו דער געלעגנהייט פון דער דערשיינונג פון ראוז שאָמער באַטשעליס „פאַרטרעטן". פּראָגראַם: די אמאטי סטרינג קווארטעט; זלמן זילבערצווייג, אָפּשאַצונג; אסתר שומיאַטשער, אין וואָרט און ליד; צילי זילבערצווייג, פאַרלייענונג; ניקאָלאס בראן און דוד גערשוני, געזאַנג; שענאָן געלסאָן, פּיאַנאָ; ראָזע שאָמער אין אַ שלוס וואָרט.

ו) שבת אָוו., נאָוו. 12טן — צו דער דערשיינונג פון יעקב זינגערס בוך דראַמען „חיים סאָלאמאָן" און „מרימס חלום". פּראָגראַם: סאָפיע שילער, טשע-ליסטן; וויליאם שילער, פּיאַנאָ; חזן רייך, געזאַנג; יעקב בלייפער און ש. לערער אין אַ סצענע פון „חיים סאָלאמאָן"; מאָטעס דייטש אין אַן אָפּשאַצונג; דער מחבר אין אַ דאַנק-זאָגונג.

ז) שבת אָוו., 19טן נאָוו. — דערעפענונג פון „חודש פאַרן יידישן בוך", בשותפות מיט דעם קאָמיטעט ביים „קאָמיוניטי קאָנסיל". אין פּראָגראַם פון דעם דריי-שפּראַכיקן אָוונט האָבן זיך באַטייליקט: פּראָפ. משה ליבמאַן, יידיש; סידני שפּיגלמאַן, העברעאיש; הערבערט בלומענטאַל, ענגליש; י. פרידלאַנד, אַריינ-פיר צום חודש פון יידישן בוך. אַ ביכער אויסשטעלונג אונטער דער השגחה פון חבר הארעליק.

ח) שבת אָוו., 26טן נאָוו. — רעפעראַט פון יצחק קאָלער איבער דער טעמע: „משלים און פּאַראַדיעס אין דער יידישער ליטעראַטור". שענאָן געלסאָן, פּיאַנאָ; יוסף גינסבורג, פאַרלייענונג; פאַרזיצער, אהרן אייראַף.

ט) שבת אָוו., 3טן דעצ. — אַן אברהם סוצקעווער אָוונט, לכבוד דער דער-שיינונג פון זיין נייעם בוך „אָדע צו דער טויב". פּראָגראַם: ה. רויזענבלאַט אין אַן אָפּהאַנדלונג פון סוצקעווערס לידער און פּאָעמעס; מלכה טוזמאַן אין וואָרט און ליד; י. פרידלאַנד מיט ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען פון דעם דיכטערס שאַפונגען; רוט מילס, פאָלקס געזאַנג.

י) שבת אָוו., 10טן דעצ. — טראַדיציאָנעלער חנוכה אָוונט. אשר דובין האָט רעפערירט וועגן יום-טוב חנוכה; יעקב ניומאַן, פאַרלייענונגען; אַן אינסצע-נירונג פון אַ לעבעדיקע מנורה, באַגלייט מיט געזאַנג. אויך געזאַנג בציבור, יום-טובדיקע טישן, טראַדיציאָנעלע לאַטקעס.

יא) שבת אָוו., 17טן דעצ. — אַ קבלת פּנים לכבוד דער פּאַרדינסטפולער פייגעלע פאַניטץ, צום צוריקקער פון ישראל. אין פּראָגראַם האָב אנטייל גענומען: אברהם זיגלבוים, ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאַנד און פייגעלע פאַניטץ.

יב) שבת אָוו., 24טן דעצ. — אַן אלגעמיינער צוזאמענקום פון דער גאַנ-צער מיטגלידערשאַפט פון קלוב: קורצע באַריכטען פון קאָמיטעטן און י. פריד-לאַנד האָט רעפערירט איבער „זיגמונט פרויד און זיין טעאָריע פון פּסיכאָאַנאַליז".

יג) שבת אָוו., 31טן דעצ. — טראַדיציאָנעלער ניי-יאָר אָוונט. מוזיק, טענץ, געזאַנג און בופעט.

יד) שבת אָוו., 7טן יאַנואַר, 1956 — כאָראַלער און מוזיקאַלישער קאָנ-צערט. מאָריס בראַודאַ און זיין כאָר, מיט אַן אייגנאַרטיקער פּראָגראַם פון פאָלקס לידער אין יידיש און העברעאיש; נחום סירקין, באַוואוסטער פידל קינסטלער אין יידיש מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס.

טו) שבת אָוו., 14טן יאנואר — מאני-לייב ליטעראטור אָוונט. שלמה האָכבערג האָט רעפערירט וועגן מאני-לייב; פייגעלע פּאניטש אין אַ ציקל לידער; אברהם זיגלבוים, פאָרלייענונגען פון מאני-לייבס לידער; י. פרדילאנד, ביבלי-אָגראַפיע פון דיכטערס ווערק. פארשפּרייט געוואָרן מאני-לייבס ביכער.

טז) שבת אָוו., 21טן יאנואר — האָט פראָפ. משה ליבמאן איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון ישראל. א. באביטש, פאָרזיצער פון אָוונט.

יז) שבת אָוו., 28טן יאנואר — אַ סימפּאָזיום און אַ משפט איבער דער יידישער פרעסע און באַציאונג פון דער יידישער קהילה בפרט. אין סימפּאָזיום האָבן אנטייל גענומען: הערי לאנג, זלמן זילבערצוויג און י. פרידלאָנד, מאָדע-ראטאר. פראגן און דיסקוסיעס האָבן געפאָלגט.

יח) שבת אָוו., 4טן פעב. — אַ הזכרה אָוונט צו שלושים פון שמואל ניגער ע״ה, איינגעאָרדנט פון אַ שטאָט קאָמיטעט מיטן קולטור קלוב בתוכם אין גרויסן מיוזישענס זאַל.

יט) שבת אָוו., 11טן פעב. — אַ ליד-קאָנצערט מיט דער באַרימטער אינ-טערנאַציאָנאַלער יידישער פאָלקס-זינגערין מארטא שלאמא.

כ) שבת אָוו., 18טן פעב. — אַצאתך לשלום אָוונט פאַר די חברים שווארצס און ווינארסקיס, אַקטיווע מיטגלידער פון קולטור קלוב, צו זייער אָפּפאָר קיין ישראל.

כא) שבת אָוו., 25טן פעב. — יערלעכער פורים אָוונט. אין פראָגראַם פון אָוונט האָט דר. דוד ברידזשער גערעדט וועגן יום-טוב; טיאנא טאמארא, געזאַנג אין יידישע פאָלקס לידער; שענאָן געלסאן, פיאנא; י. פרידלאנד, פאָלקס ווערטלעך וועגן פורים און געזאַנג בציבור.

כב) שבת אָוו., 3טן מערץ — יערלעכער י. ל. פרץ אָוונט. אין פראָגראַם האָבן אנטייל גענומען: אלעזר דארין האָט רעפערירט איבער י. ל. פרץ און זיין קוק אויף דער יידישער ליטעראטור; זיגמונט ליעוו, פאָרלייענונגען פון י. ל. פרץ; סאפיע בערגער, מיט אַ ציקל פאָלקס לידער; י. פרידלאנד מט אַ ביבליאָ-גראַפיע פון י. ל. פרץס ווערק.

כג) שבת אָוו., 10טן מערץ — יוסף רומשינסקי הזכרה אָוונט צו שלושים. פראָגראַם: זלמן זילבערצוויג, ראזע שאמער באטשעליס, ציילי סילווער, חנה פריינדליך, שענאן געלסאן און חזן בארענשטיין.

כד) שבת אָוו., 17טן מערץ — יערלעכער „ייוואָ״ אָוונט. שלמה האָכבערג האָט רעפערירט וועגן איטשע מאיר וויסענבערג; זלמן זילבערצוויג האָט גע-רעדט וועגן דעם „ייוואָ״ און זיין השפעה; י. פרידלאנד האָט באקענט אונדזער עולם מיט וויסענבערגס ביאָ-ביבליאָגראפיע; יעקב ניומאן האָט פאָרגעלייענט פון וויסענבערגס שאפונגען.

כה) שבת אָוו., 24טן מערץ — אלגעמיינע פאַרזאמלונג פון דער מיטגלי-דערשאפט פון קלוב און דער יונגער יידישער געלערנטער, מישא שוואַרגער האָט רעפערירט וועגן זיגמונט פרויד.

כו) שבת, 31טן מערץ — פסח פייערונג: קאנטאָר נתן קאצמאן האָט פאָר-געטראָגן פאסיקע געזאנג נומערן לכבוד פסח, און יעקב ניומאן האָט פאָרגע-לייענט פון י. ל. פרץ. ס׳איז פאַרטיילט געוואָרן פאַרן עולם אַ זאַמלונג פון פסח-לידער וואָס איז געזונגען געוואָרן בציבור.

כז) שבת, 7טן אַפּריל — אַן אָוונט פון יידישן פאָלקלאָר: יצחק קאַלער האָט רעפערירט איבער „יידישער פאָלקלאָר"; טיאַנא טאַמאַרא, מיט אַ ציקל יידישע פאָלקס לידער; שענאַן געלסאַן ביי דער פּיאַנאָ. י. פרידלאַנד האָט פאָרגע־טראָגן פון אוצר פון יידישן פאָלקלאָר און אָנגעפירט מיט פראַגן און ענטפערס פון עולם („קוויז" בלע"ז).

כח) שבת, 14טן אַפּריל — לכבוד דער דערשיינונג פון זיבעטן נומער „חשבון" האָט דר. חיים ראַטבלאַט געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער דער טעמע: „די קינסטלערישקייט אין דער אידיליע רות"; יעקב ניומאַן האָט פאָרגעלייענט נח גאָלדבערגס אַ דערציילונג פון „חשבון"; וו. נאַטאַנסאַן וועגן „חשבון" „אין שייכות צו קיום און המשך". י. פרידלאַנד האָט גערעדט וועגן „חשבון" ווי אַ „ליטעראַרישע בימה פאַר דעם יידישן שרייבער ביים פּאַסיפיק".

כט) שבת אָוו., 21טן אַפּריל — פּראָפעסאָר משה ליבמאַן האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דעם באַרימטן שריפטשטעלער חיים גרינבערג.

(פרייטיק אָוו., 27טן אַפּריל — אַ ספּעציעלער אָוונט פון דער מיטגלידער־שאַפט פון קולטור קלוב צו דער דערפּענונג פון דער אַקציע פאַר דעם 30 יאָריקן יובל פון יידישן קולטור קלוב.)

ל) שבת, 28טן אַפּריל — האָט דער שרייבער קרייז „בוך און לעבן" דורכגע־פירט אַ שרייבער אָוונט מיט דער באַטייליקונג פון די שרייבער אין דעם זשור־נאַל „חשבון".

לא) שבת, 5טן מאַי — צו דער געלעגנהייט וואָס ס'איז אַרוין אין דרוק אסתר שומיאַטשער־הירשביינס ניי בוך לידער, האָט דער שומיאַטשער בוך קאָמיטעט מיט דעם קלוב איינגעאָרדנעט אַ ליטעראַטור און מוזיקאַלישן אָוונט. די באַטיי־ליקטע: פייגעלע פאַניטש, עמוס הירשביין, מלכה טוזמאַן, אליהו טענענהאָלץ, אַניטאַ פריינדליך, פּערל פעדער, שרה טייטלבוים, מרדכי מייזל, און גאַסט־קינסטלער בן־עמי. י. פרידלאַנד, פאָרזיצער. די איינצאַמע פון אָוונט איבער־געגעבן צום בוך קאָמיטעט.

לב) שבת, 12טן מאַי — יערלעכער טראַדיציאָנעלער שלום עליכם אָוונט. אין פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: אברהם זיגעלבוים, מיט פאָרלייענונגען פון

שלום עליכמס שאַפונגען; מ. ל. קאַפּעלאָף האָט געלייענט די צוואה פון ש. ע. און י. פרידלאַנד האָט רעפערירט, „דער בראשית פון שלום עליכמס שאַפן און זיין סביבה". א. באַביטש, פאָרזיצער.

לג) שבת אָוו., 19טן מאַי — שבועות פייערונג. אשר דובין האָט גערעדט וועגן „מתן תורה" און זיגמונט ליעוו, פאָרלייענונג פון „רות".

לד) שבת, 26טן מאַי — האָט דער קולטור קלוב, בשותפות מיט דעם נאַציאָנאַל אַרב. פאַרבאַנד קאָנסול, מקבל פנים געווען דאָס נייע ווערק פון חיים שויס, „היסטאָרישע שריפטן", וואָס דער פאַרבאַנד פאַרלאַג האָט אַרויס־געגעבן. אין פּראָגראַם פון אָוונט האָבן זיך באַטייליקט: עמוס שויס, רבי מאַקס נוסבאַום, עסטעלאַ מאַרלאַו, זינגערין, מאָריס דויטש פון קאָנסול, פיליפּ ברוידי פון קאָמיטעט און י. פרידלאַנד, פאָרזיצער פון אָוונט. די איינצאַמע פון אָוונט איבערגעגעבן געוואָרן צום שויס בוך קאָמיטעט.

לה) שבת, 2טן יוני — אַ ליטעראַרישער אָוונט. ס'איז געווען אַ טאָג נאָך דער לויה פון אונדזער באַליבטן דיכטער ה. ריוזענבלאַט. דער פאָרזיצער פון אָוונט, י. פרידלאַנד, האָט דערמאָנט דעם עולם וועגן די פּטירה פון דעם

גרויסן נפטר, געבעטן דעם עולם אויפשטיין אין כבוד פון זיין לויטערן אָנדענק. ס'זיינען אויפגעטראָטן מיט לייענונגען פון אייגענע שאַפונגען: פינטשע בערמאַן — לידער; נח גאָלדבערג — דערציילונג; יעקב זינגער — פראַגמענט פון אַ דראַמע; און י. פרידלאַנד מיט אַ דערציילונג.

לו) שבת אָוונט, 9טן יוני — אַ חיים נחמן ביאַליק אָוונט. דר. חיים ראָט־בלאַט, באַקאַנטער יידיש־העברעאישער געלערנטער, האָט געהאַלטן אַ רעפע־ראַט איבער דעם גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער חיים נחמן ביאַליק; יעקב ניומאַן, באַקאַנטער וואָרט־קינסטלער האָט פאָרגעלייענט פון ביאַליקס לידער; י. פריד־לאַנד מיט אַ קורצע ביאָ־ביבליאָגראַפיע פונם דיכטער.

לז) שבת אָוונט, 16טן יוני — אַ סימפּאָזיום איבער דער טעמע: „קען מען איבערגעבן אונדזער גייסטיקע ירושה געשאַפן אין יידיש און העברעאיש — דורך ענגליש?״ אַנטיילנעמער: רבי ראַקאָווסקי, שלמה האַכבערג און סערגיי נוט־קעוויטש. י. פרידלאַנד, נאַראַטאָר.

לח) שבת אָוונט, 23טן יוני — דער 30טן סיום הזמן פון קולטור קלוב. אין פּראָגראַם פון אָוונט האָבן אַנטייל גענומען: פייגעלע פּאַניטץ; יודזשינאַ ברומאַן; רובין דעקער, וויאָלאַ קינסטלער; אַמי אַלאַני, פּיאַנאָ קינסטלער פון ישראל; חזן קאַצמאַן און יעקב ניומאַן מיט פאָרלייענונגען, באַגלייט מיט געזאַנג, פון מענדעלעס „אַן אָרעמאַנס שבת״; פּיאַנאָ באַגלייטונג, י. ראַסקין.

---

## רשימה פון קולטורעלע מאַנטיקן פאַר דעם זמן 1955-56

א) מאַנטיק אָוו., אויגוסט 8טן — יעקב ראַשעל, „שולן אין דער מאָל־קונסט״.

ב) מאַנטיק אָוו., אויגוסט 22טן — יעצחק קאַלער, „משלים און פּאַראַדיעס אין דער יידישער ליטעראַטור״.

ג) מאַנטיק אָוו., אָקט. 17טן — מאָריס דויטש, געלייענט ש. מיללערס עסיי פון דער „גאָלדענער קייט״: „אַ לעק זאַלץ״. אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע האָט געפּאָלגט.

ד) מאַנטיק אָוו., אָקט. 24טן — ליליען מייזנער, איבער: „חורבן לי־טעראַטור״.

ה) מאַנטיק אָוו., אָקט. 31טן — הערי לאַנג: „שלום אַש'ס 75 יאָריקער יובל״.

ו) מאַנטיק אָוו., נאָוו. 7טן — עלא בוירנס, איבער יוסף וויכטעלס בוך: „דער לעצטער נסיון״.

ז) מאַנטיק אָוו., נאָוו. 14טן — מאַטעס דייטש, „בטחון אין דער יידישער פאָלקס מעשהלע״.

ח) מאַנטיק אָוו., 21טן נאָוו. — מרדכי פּאַגאַרעלסקי, „דער אידעאָלאָ־גישער קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג״.

ט) מאַנטק אָוו., 28טן נאָוו. — תנחום ברייס, „מעניני דיומא״.

י) מאַנטיק אָוו., 5טן דעצ. — לוסי לאַנג, „שמואל גאָמפּערס — דער ייד אין דער אַרבעטער באַוועגונג״.

יא) מאנטיק אָוו., 12טן דעצ. — אַ לייענונג פון משה לייב קאפעלאף: „ווידערגעבורט פון פאָלק און שפּראַך״ (עסיי פון לעאָ קעניג).

יב) מאנטיק אָוו., 19טן דעצ. — ליליען מייזנער, „מאקסים גאָרקי — דער מענטש, קינסטלער אין זיין לעצט ווערק״.

יג) מאנטיק אָוו., 9טן יאנואַר, 1956 — בען צוקערמאַן, „מענטשן, סיטו־אַציעס דאָ און אין ישראל״.

יד) מאנטיק אָוו., 16טן יאנואר — אַן עסיי פון מ. שטריגלער, „זכות בנים״, געלייענט און קאמענטירט פון י. פרידלאַנד.

טו) מאנטיק אָוו., 23טן יאנואר — רעפעראַט פון א. גארעוויטש, „די פסיכא־מאָראלישע אספעקטן פון די שארית הפליטה״.

טז) מאנטיק אָוו., 6טן פעב. — רבי דוד קאהן, „יידן און יידישקייט אין אַמעריקע״.

יז) מאנטיק אָוו., 13טן פעב. — חבר אזאלין, „דריי שטעט: עוץ, אמסטער־דאם און באַרדיטשעוו״, עסיי פון א. אלמי, געלייענט און קאמענטירט פון נ. אזאלין.

יח) מאנטיק, 20טן פעב. — יצחק קאלער, רעפעראט: „מגילת אסתר אין דער יידישער לאַטעראַטור״.

יט) מאנטיק, 27טן פעב. — וויליאם נאטאנסאָן, רעפעראַט: „קענטעניש, קולטור און כאַראַקטער״.

כ) מאנטיק, מערץ 5טן — פינטשע בערמאַן: „דער לעצטער יידישער אויפ־שטאַנד״, היסטאָרישער ראָמאַן פון יוסף אפּאטאשו.

כא) מאנטיק, מערץ 12טן — יעקב זינגער, „טעאטער און זיין געשיכט־לעכער אספעקט״.

כב) מאנטיק, מערץ 19טן — סערגיי נוטקעוויטש, „אינטעליגענץ און כאַ־ראַקטער״.

כג) מאנטיק אָוו., אַפּריל 9טן — עלאַ בוירנס. איינלייטונג.

כד) מאנטיק אָוו., אַפּריל 16טן — אברהם שטורם: „קעמפער פאַר יידישער פרייהייט״.

כה) מאנטיק אָוו., אפריל 23טן — ש. ניגערס ע״ה אַן עסיי, „אַ נייע רעווי־זיע פון שמ״רס משפט״, געלייענט און קאמענטירט פון י. פרידלאַנד.

כו) מאנטיק אָוו., אפריל 30טן — ראוז באלאט, איבער גאָלדע מייערסאָן, פון מרים סירקין.

כז) מאנטיק אָוו., מאי 7טן — אלקאָן כראבלאָוו: „סטאלין — אַ פּאָרטרעט פון דאָריאַן גרעי״.

כח) מאנטיק אָוו., מאי 21טן — קייט קראנאָן, רעפעראט איבער הערמאן וואוקס ראָמאַן „מארדזשאָרי מאָרנינגסטאַר״.

ל) מאנטיק אָוו., מאי 28טן — ליליען מייזנער, רערעפראט איבער דעם דיכטער מרדכי געבירטיג ע״ה, „זיין לעבן און שאַפן״.

לא) מאנטיק אָוו., יוני 4טן — האָבן די חשובע מיטגלידער פון קלוב, אייב און מיני שווארץ און מאָריס און שרה ווינארסקי, איבערגעגעבן זייערע איינדרוקן פון ישראל פון וואנען זיי זיינען נאָר וואָס געקומען פון אַ באַזוך.

לב) מאנטיק אָוו., יוני 11טן — חבר בען צוקערמאן, אין אַ שמועס וועגן „דר' גאָלדמאנס וועג אין ציוניזם".

אַרום און ארום איז אין דעם 30טן זמן פון קולטור קלוב, דורכגעפירט געוואָרן 38 שבת־צונאַכטן מיט ליטערארישע קינסטלערישע און מוזיקאַלישע קאָנצערטן; יום טובים פייערונגען און שרייבער אָוונטן. און 32 קולטורעלע מאָנטיקן מיט איינלייטונגען און שמועסן איבער יידיש געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און ליטערארישע ענינים.

# ליטעראַטור און קולטור כראָניק

## אונדזערע גרויסע אבידות

